שנה ג'
נומער קמ"ב
**פרשת כי תצא**
תשפ"ב

# קרית ברסלב בלעטל

נייעס:

**אפאר סיומי הש"ס אין שטעטל**

א מעשה פון תפילה:

**געדאווענט מיט מנין דורך תפילה**

נייע אפטיילונג:

**דעם הייליגן רבינ'ס לעבנסגעשיכטע**

# קלאר אויסגעהאלטן צו פארן היי יאר קיין אומאן

על פי הוראת גדולי רבנים שליט"א

צום הייליגן רבינ'ס ציון

מוהרא"ש ז"ע ביים ציון אין אומאן ערב ראש השנה תשע"ד



**היתקע שופר בעיר ועם לא יחרדו**



**א בריוו**
מניעות
3



**צום פינטל**
רויע מאטריאל אין בעפארבערייטונג צו אומאן ראש השנה
6



**שטעטל נייעס**
פרישע גאז קאמפאני
13



**א בריוו פונעם ר"י**
מיין ווייב וויל נישט איך זאל פארן קיין אומאן
17



**דעת רבינ'ס לעבן**
נייע פארזעצונג בעזר השם
19



**פסק דין**
פסק דין פונעם דיין שליט"א וועגן גיין מיט'ן פאספארט יו"ט
32



# קרית ברסלב בלעטל

רעדאקציע:
**מרדכי אינדיג, אברהם משה שטראססער, אברהם הערש וועבערמאן, אברהם יצחק אייזנער, יחזקאל שרגא שארף, שמואל בער שניטצלער**

צו באקומען די וועכנטליכע קרית ברסלב בלעטל אפגעשיקט צו אייער טיר רופט:
718.387.2691
subscribe@kerenhadfusa.org
לקבלת הקרית ברסלב בלעטל דרך הדואר בארץ ישראל התקשרו:
077-530-9648

צו אדווערטייזן אדער ארייננצושיקן א מעסעדזש צו די רעדאקציע
בריוו אדער הגהות רופט: 845.379.1161

136-Huschke Rd Hurleyville NY 12747
breslevofficeliberty@gmail.com

קול ברסלב: 212.444.9191
חיזוק פאר די אידישע שטוב: 212.444.9169
BRESLEVCENTER.COM


## זמנים Liberty

הדלקת הנרות.........07:00
מוצאי שבת............08:05

פרשת כי תצא י"ד אלול תשפ"ב

**מנחה מעריב כי תבא ... 08:15**


# מזל טוב!

מיט גרויס פרייד טוען מיר א הערצליכן מזל טוב פאר א חשובע משפחה אין שטעטל

**מו"ה נחום ברילל הי"ו**
**וזוגתו שרה תחי'**

**צו די אפשערן פון זייער זון למזל טוב**

דער אייבערשטער זאל העלפן זיי זאלן זען אסאך נחת ביי דעם קינד און ביי אלע קינדער.

# מזל טוב!

מיט גרויס פרייד טוען מיר א הערצליכן מזל טוב פאר א חשובע משפחה אין שטעטל

**מו"ה אשר לעמל זוסמאן הי"ו**
**וזוגתו פערל תחי'**

**צו די געבורט פון א אינגל למזל טוב**

דער אייבערשטער זאל העלפן זיי זאלן זען אסאך נחת ביי דעם קינד און ביי אלע קינדער.


## וועטער

| | | | |
|---|---|---|---|
| Fri 09 | 76°/53° | Mostly Sunny |
| Sat 10 | 76°/55° | Partly Cloudy |
| Sun 11 | 74°/58° | Showers |
| Mon 12 | 71°/55° | Showers |
| Tue 13 | 71°/53° | Showers |
| Wed 14 | 74°/53° | Showers |
| Thu 15 | 74°/50° | AM Showers |
| Fri 16 | 74°/53° | Partly Cloudy |

געדענקט וואס דער הייליגער רבי זאגט
**די וועטער מבינים ווייסן נישט אל"ץ ריכטיג די וועטער וואס גייט זיין**
שיחות הר"ן רכ"א



# בריוו צו די רעדאקציע

## קאמענטארן אויף די שטיקל ויואל משה וואס ברענגט אראפ דעם רבי'ן ז"ל

איך וואוין אין קרית יואל, איך בין אויפגעוואקסן דא, איך האב ליב צו ליינען, איך ליין אלעס וואס קומט מיר אונטער, איך באקום אויך אייער בלעטל. איין זאך וואס איך האב געזען דארט איז מיר געווען זייער א גרויסע ווינדער, איך וועל אייך זאגן אפען, ווי איך געדענק פון אלס קינד האב איך געוויסט א פשוט'ע זאך אז רבינו הקדוש פון סאטמאר האט נישט געהאלטן פון ברסלב, איך ווייס אפילו נישט אויב איך האב עס געהערט פון איינעם אדער עס איז מיר געווען ווי א פשוט'ע זאך.

עס קען זיין ווייל אין שולע האט מען גערעדט פון אלע צדיקים און איך האב קיינמאל נישט געהערט רעדן פון די ברסלב'ער רבי', אדער קען גאר זיין אז איך האב עס געהערט פון א לערערין אדער פון איינעם, איך בין ממש געווען שאקירט צו זען ביי אייערע בריוון אז דער רבי' זי"ע ברענגט אראפ פונעם ברסלב'ן רבי'ן, עס איז מיר געווען זייער אינטערעסאנט, איך פארשטיי נישט אזוי גוט קיין לשון הקודש, אבער ביי מיר און ביי אונזער משפחה איז דאס הייליגסטע געווען דעם רבי'נס ספרים, דברי יואל און ויואל משה, איך בין מיט דעם אויפגעוואקסן, מיר האבן געלעבט מיט'ן רבי'ן, עס איז נישט געווען קיין שבת סעודה וואס מיין טאטע ז"ל זאל נישט רעדן פון רבי'ן. נאך מער, עס איז נישט געווען קיין שמועס וואס עס זאל נישט אריינקומען עפעס א מעשה פון רבי'ן, דאס האט מען געאטעמט, איך געדענק נישט דעם רבי'ן, איך בין שוין געבוירן געווארן ממש אין די לעצטע ל' יארן.

אלזא ווען איך האב געזען ווי איינער אין א בריוו צו אייך ברענגט אראפ דעם לשון פון ויואל משה, האב איך גענומען פון שאנק א ויואל משה איך האב אויפגעמישט צו זען צו דאס איז טאקע אזוי האב איך געזען אז עס איז ממש ווארט ביי ווארט.

איר קענט נישט פארשטיין וואס דאס מיינט פאר מיר, ביי מיר איז ברסלב געווען ממש ווי א אנדערע קרייז, אין סאטמאר האט מען געוויסט, מען איז אויפגעוואקסן מען זאל זיך היטן פון אנדערע קרייזן וואס זענען נישט מיט די שיטה אדער האבן אנדערע דיעות וואס איז נישט אין צוזאמענהאנג מיט די וועג וואס רבינו הקדוש זי"ע האט אונז געלערנט, אזוי ווי למשל חסידות ... וואס מען ווייסט ביי אונז, אז אפילו זיי זענען געווען גרויסע מענטשן אבער מען האט אכטונג געגעבן נישט צו נשפע ווערן פון זייערע וועגן, און דא זע איך אז דער רבי' ברענגט גאר נאך פונעם ברסלב'ער רבי'ן אין ויואל משה.

עס איז נישט אז עפעס האט זיך געטוישט לגבי דאס ליינען אייערע קונטרסים און גליונות, איך האב סיי ווי געליינט פאר דעם אויך, איך האב געוויסט אז אייער ראש ישיבה איז אן אייניקל פון קארלסבורג'ער רב וואס ער איז געווען א דיין ביים רבי'ן, איך האב געזען אז אלע זיינע זאכן וואס ער



שרייבט איז מיטן סאטמאר׳ער שניט, נאר די חלק אז ממש דער רבי ברענגט פון רבי נחמן איז מיר געווען א ווינדער.

יישר כח פאר אייער ארבעט, און יישר כח פארן אריינלייגן די אויבנדערמאנטע בריוו.

נ״ב אז איך שרייב אייך שוין יא, וואלט איך געוואלט בעטן אויב עס איז שייך איבער צו טייטשן די ווערטער פון ויואל משה, דער שרייבער פונעם בריוו האט עס געשריבן אין לשון הקודש, אויב מעגליך איבערצושרייבן אויף אידיש.

מרת א. ה.

***ענטפער פון די רעדאקציע***

יישר כח פאר אייערע קאמענטארן, מיר וועלן איבערטייטשן די ווערטער פון ויואל משה אויף אידיש: **בליקוטי מוהר״ן מברסלב במשלים שלו סימן ד׳ האריך בזה מה שיהיה בעיקבא דמשיחא,** אין ליקוטי מוהר״ן איז ער מאריך ביי די משלים אין סימן ד׳ ברענגט ער אראפ וואס עס גייט זיין פאר משיח ווען קומען, **ותמצית דבריו בקיצור על פי משל במלך שהלך בדרך ופתאום ירד מטר גדול ממש מבול מים וכל שרי המלוכה נתפזרו אחד לאחד,** אין קורצן ברענגט ער מיט א משל, פון א קעניג וואס איז געגאנגען אין וועג, און פלוצלונג האט אנגעהויבן זייער שטארק צו רעגענען, ממש א מבול, און אלע שרים זענען זיך צעלאפן, **והמלך היה בסכנה גדולה וניצל רק על ידי איש כפרי,** און דער קעניג איז געבליבן אליין און ער איז געווען אין א גרויסע סכנה, און ער איז געראטעוועט געווארן דורך א דארפסמאן, **כמו כן יהיה בעיקבתא דמשיחא שיהיה מבול לא של מים אלא של אפיקורסות,** אזוי וועט זיין פאר משיח ווען קומען, עס וועט זיין א מבול, אבער נישט פון וואסער נאר פון כפירות און אפיקרסות, **ויכנס בלב הכשרים שבישראל ולא יכלו ליתן עצה,** און דאס וועט אויך אריינגיין אין די הערצער פון די ערליכע אידן, און מען וועט זיך נישט קענען קיין עצה געבן, **וכל שרי המלוכה נתפזרו ולא יתחזק מלכות שמים אלא עם פשוטי עם שאומרים תהילים בפשיטות,** און אלע שרים פון די מלוכה וועלן זיך צעלויפן, און ליידער וועט נישט געגרויסט ווערן דעם אייבערשטנ׳ס נאמען דורך די גרויסע מענטשן, נאר דורך די פשוט׳ע אידן וואס זאגן תהילים בתמימות ובפשיטות.

**וכתב עוד בשיחות הר״ן סימן ל״ה שהולך ונמשך אפיקורסת גדול בעוונותינו הרבים בעולם,** נאך שרייבט ער און שיחות הר״ן סימן ל״ה: עס קומט צו גיין א שרעקליכע אפיקורסות אויף דער וועלט. **אשרי מי שיחזק עצמו באמונה בעיתים הללו,** וואויל איז דער וואס עס וועט זיך האלטן שטארק מיט אמונה אין יענע טעג, **ואמר אף על פי כן שאינו מועיל כלל מה שהוא מספר זאת כי אף על פי שהוא אומר אף על פי כן מתגברת האפיקורסות והבלבולים,** און ער האט געזאגט: אפילו עס וועט בכלל נישט העלפן דאס וואס ער זאגט פאראויס אז עס גייט זיין א שרעקליכע אפיקורסות אויף די וועלט, ווייל מיט דעם אלעם אפילו מען וועט וויסן פאר דעם אז ער האט עס שוין געזאגט וועט נאך אלס זיין א שרעקליכע צעמישעניש און אפיקורסות, **כי הלא דניאל וכיוצא הודיעו מקודם: שקודם שיבא משיח יתבררו ויתלבנו ויצרפו רבים והרשיעו רשעים והמשכילים יבינו,** דער נביא דניאל האט שוין געזאגט אז פאר משיח וועט קומען וועט זיין א בירור און א ליבון און צירוף און זייער אסאך וועלן ווערן רשעים אבער די וואס האבן שכל זאלן זיין קלוג און פארשטיין, **ואם כן מאחר שהודיע מקודם שזה יהיה נסיון קודם ביאת משיח, היה ראוי שכל אחד ישכל ויחוס על עצמו לישאר חזק באמנתו, ולא יהיה עוד שום נסיון וצירוף כלל מאחר שכבר הודיע זאת מקודם,** איז שווער אויב האבן די נביאים שוין פון פאראויס געזאגט אז עס וועט זיין אזוי, וואלט דאך יעדער געדארפט פארשטיין אז עס איז נאר א נסיון און געדארפט בלייבן שטארק מיט די אמונה, עס וואלט בכלל נישט געדארפט זיין א נסיון אויב מען ווייסט דערפון פון פאראויס, **אף על פי כן יהיה נסיון גדול ורבים ירשיעו,** מיט דעם אלעם וועט עס נאך אלס זיין א שרעקליכע נסיון **אך אף על**

**פי כן אני מודיע זאת מקודם בשביל אותן המעט הכשרים שיחזקו עצמם באמונתן,** מיט דעם אלעס זאג איך עס פאראויס פאר די ביסל וואס וועלן זיך האלטן מיט די אמונה, **ובודאי יהיה להם מלחמות גדולות בדעתם למען יהיה להם למשיב נפש והתחזקות והתאמצות יותר כשיראו שכבר דיברו מזה מקודם, יעיין שם.** זיכער וועלן פאר די ערליכע אויך זיין זייער ביטערע שווערע מלחמות אויף די אמונה, פאר זיי שרייב איך עס כדי עס זאל זיי זיין א חיזוק, דאס וועט זיי שטארקן אז זיי וועלן זען אז מען האט שוין גערעדט דערפון אז אזוי וועט זיין.

**וכתב עוד בשיחות הר״ן סימן ר״כ שיהיה אפיקורסות בעולם כי מלמעלה יבוא אפיקורסות בעולם בשביל נסיון, והיה מתאנח מאוד על זה ואמר: אוי! איך יוכלו לעמוד אנשים מועטים נגד כל העולם, וזה ענין של רוח הקודש שראה מה הגיע אלינו בעקבא דמשיחא.** נאך שרייבט ער אין שיחות הר״ן סימן ר״כ אז עס וועט זיין אפיקורסות אויף דער וועלט, ווייל פון הימל וועט מען גיסן אפיקורסות אלעס וועגן א נסיון, און ער האט זייער געקרעכטצט אוי! ווי אזוי וועלן די קליין ביסל מענטשן שטיין שטארק אנטקעגן די גאנצע וועלט, און דאס איז א ענין פון רוח הקודש וואס ער האט געזען וואס עס וועט זיין פאר משיח וועט קומען.

## קאמענטירט אויף די ארטיקל וועגן מניעות

עס איז מיר געווען א שטארקע חיזוק די ארטיקל "נישט ליינען דעם ארטיקל" וועגן די ענין פון מניעות אז מניעות איז געמאכט אז עס זאל אריין גיין אין די מענטש א נצחון געפיל, און דאס וועט אים ברענגען אז ער זאל דווקא ווילן טון די ריכטיגע זאך, איך האב געוואלט פרעגן ווייל לעצטנס ביי א שיעור האב איך אפאר מאל געהערט פונעם ראש ישיבה אז דאס ערגסטע איז מניעות המח, ווען דער מענטש אליין ווערט אפגעקילט, ווי אזוי שטימט דאס מיט די ענין פון מניעות וואס עס דארף מאכן א מענטש זאל ווערן שטערקער, אויב דער מענטש אליין איז שוואכער און אפגעקילט.

מרת א. - קרית ברסלב

### *ענטפער פון די רעדאקציע*

עס איז זייער פשוט, קודם כל ווי גרעסער די מניעות זענען, אלס גרעסער ווערט די חשק. און באמת טאקע די גרעסטע מניעה איז ווען דער מענטש אליין טראכט "וואס וועט שוין זיין אז איך וועל גיין צו א שיעור", "וואס וועט שוין זיין אז איך וועל גיין קיין אומאן, איך בין דאך שוין געווען", און אזוי קומט אים אריין מחשבות וואס קילן אים אפ פונעם צדיק.

אבער ווען א מענטש שטעלט זיך אפ, און הייבט אן אריינטראכטן וואספארא גרויסע רחמנות ער איז, "איך אליין בין אפגעקילט? איך האב דאך געברענט צו הערן א שיעור! איך האב דאך געברענט פאר אומאן! וואס איז מיט מיר געשען", אויב דער מענטש כאפט זיך ביים קאפ אין וואסערע פאסטקע ער איז אריינגעפאלן, באקומט ער אזא מין רחמנות געפיל אויף זיך אליין, ער זעט ווי ער שטייט ביים שוועל פון תהום, איך זאל אליין אריינטאנצן אין תהום אריין? דאס וועקט אויף די שטערקסטע חשק אין דעם מענטש אליין, ווען ער זעט ווי ער שטייט ביים שוועל פון פארלירן די וועלט און יענע וועלט, נו וואס טוט נישט א מענטש כדי זיך צו ראטעווען פון אזא שרעקליכע זאך ווי ווערן אפגעריסן פון א צדיק.

איז פונקט פארקערט ווייל די מניעה איז אזוי שטארק (ליידער זייער אסאך מאל כאפט נישט דער מענטש אז דאס איז בכלל א מניעה און אזא איינער איז טאקע אין א געוואלדיגע סכנה) אבער אויב ער כאפט וואס דא גייט פאר, דאס דארף אים געבן די שטערקסטע חשק, עס דארף אים ארויסברענגען די טיפסטע באהאלטענסטע כוחות זיך צו ראטעווען פון טויט.



# צום פינטל.

## רויע מאטריאל אין בעפארברייטונג צו אומאן.

זאג... פארסט אויף אומאן? וואס הייסט, היי יאר אויך? מ'קען דען פארן? ס'איז דאך א שעת מלחמה דארט! איך הער דאך אז די גרעניצן זענען פארשפארט!

איז לאמיר אביסל אנאליזירן דעם היי יעריגן ראש השנה אין אומאן.

* * *

קודם כל פותחים בכבוד אכסניה... אין נאמען פון ברסלב'ער חסידים איבער די גארער וועלט, טוען מיר זיך באדאנקען פון טיפן הארצן פאר די אידישע אויסגאבעס, אין אלע מיני פארעמען און שפראכן, אנגעהויבן פון צייטשריפטן, נייעס באריכטער, מאגאזינען, בילדער דזשורנאלן, געענדיגט ביי די פליג-בלעטער, אדווערטייזמענטס און קלאסיפייד בלעטער למיניהם וואס טוען פארפלייצן טעגליך/וועכענטליך דעם מארקעט פון אידישע ליטעראטור.

מיר האבן באמת א געוואלדיגע הכרת הטוב צו די פאן טרעגער פונעם ארטאדאקסישן יהדות החרדית - וואס ברענגען אונז כסדר פשוט'ע און טריקענע נייעס, וואס זיי געבן אונז כסדר איבער פון פארלעסליכע ערשט-האנטיגע נייעס קוועלער, בפרט אין די יעצטיגע טעג, וואס אידן איבער די וועלט געפינען זיך אין א שווערע דילעמע וואס צו באשליסן, ווען פון איין זייט ברענט פאר יעדן רעכט דענקיגער איד צו זיין אין אומאן אויף ראש השנה, און פון די אנדערע זייט קורסירן פילע קלאנגען איבער די סיטואציע אין אוקריינא, מיט איבער איר יעצטיגן קאנפליקט מיט איר שכינות'דיגער רוסלאנד, צו די צייט זענען מיר עדות אז איר נעמט אן אומפארטייאישע שטעלונג, און געבט אונז איבער דברים כהווייתן, נייעסן, אנאליזן און דעקלאראציעס אונז צו באווארענען איבער די געפארפולע און סכנה'דיגע מצב וואס הערשט אין די יעצטיגע טעג אין אוקריינא.

א ספעציעלער דאנק קומט זיך פאר די וואס ברענגען אונז א פרייע איבערזעצונג פון די דעקלאראציע וואס די סטעיט דעפארטמענט האט ארויסגעגעבן אין ליכט פון די היי-יעריגע נסיעה קיין אומאן.

ווי וואלט דען א טיפישער ברסלב'ער אינגערמאן, וואס פארברענגט זיין טאג ביי דער ארבעט, ער לערנט, דאווענט, און ווען ער קומט אהיים זיצט ער אביסל און פארברענגט מיט די ווייב און קינדער, ווי זאל ער אין זיין לעבן אמאל אנקומען צו עפעס א פארשטיפטע מעלדונג פון די סטעיט דעפארטמענט איבער די סיטואציע פון אומאן אוקריינא.

אבער איידער מיר געבן איבער אונזער הארציגע דאנק ווערטער, קענען מיר נישט גיין ווייטער, מיר פילן זיך פארפליכטעט צו באדאנקען פאר די אופן ווי אזוי די צייטשריפטן טוען דעקן יערליך



אזוי שיין און פראפעסיאנאל די נייעס פון אומאן אוקריינא ביים הייליגע קיבוץ פון רבינ'ס ראש השנה. באמת אזא זאך וואלט שוין געמעגט פון לאנג ארויסגעברענגט ווערן, עס וואלט זיך אויסגעפעלט צו ווידמען א באזונדערע ארטיקל ספעציעל פאר דעם, אבער ווי זאגט דער וועלט: "בעסער שפעטער ווי איידער קיינמאל", איז אז מיר האבן יעצט די פענע אין האנט און מיר שרייבן איבער די געוואלדיגע טובה וואס די אידישע צייטשריפטן טוען אונז מיט'ן אונז איבערגעבן די נייעס פון אומאן - איז נישט מער ווי פאסיג צו ווידמען אפאר שורות ארויסצוברענגען אונזערע געפילן איבער די יערליכע דעקונגען אין די צייטונגען אויף א וועג אז דאס זאל געבן א גינסטיגע און פאזיטיווע בליק פאר אירע פילע טויזנטער ליינער.

ווי מיר אלע ווייסן איז דער נאמען פון הייליגן רבי'ן פארשעמט געווען אלע יארן איבער די וועלט, די פולע לשון הרע'ס, מחלוקת און הוצאות שם רע וואס מען האט ארויסגעלאזט אויפ'ן הייליגן רבי'ן און אויף זיינע הייליגע תלמידים, בפרט און די לעצטע דור ווי דער סמ"ך מ"ם האט אויפגעשטעלט א בלוט מחלוקת קעגן מוהרא"ש זי"ע און שפעטער קעגן דעם ראש ישיבה שליט"א, זענען די באשרייבונגען אין די צייטונגען איבער ראש השנה אין אומאן ממש געווען כמים קרים על נפש עייפה, עס האט געדינט ווי א רעטונגס ברעט פאר ברסלב'ער חסידים, אזוי אז די וועלט האט באקומען א שטיקל השגה מהנעשה והנשמע אין די הייליגע שטאט אומאן אין דעם יום הדין הנורא פון ראש השנה.

די צייטשריפטן ברענגען טאקע פשוט נאך די נייעס, זיי ברענגען פשוט טריקענע בילדער, און ווי אויך פרייע איבערזעצונגען פון די לאקאלע מידיע און פון אנדערע פלעצער אלעס אריגינעל, טריקן און פשוט, אבער אלעס מיט'ן ציל צו פארהערליכן דעם רבינ'ס פארשעמטע נאמען.

מיר וועלן ברענגען ממש געציילטע ביישפילן ווי איר וועט זיך אליין איבערצייגן די ווארהייט פון אונזערע ווערטער.

א קליינער ביישפיל, ווי זאל א מענטש וואס איז קיינמאל בעפאר געווען אין אומאן וויסן אז עס געפינען זיך דארט די ריזיגע קאנטעינארס וואס מיר זענען געוואוינט צו זען אין אמעריקא און אין אייראפע פאר די פילע מיסט וואס זאמלען זיך אן, א מענטש וואס
ו י ו ל



ווילן די טעג פון ראש השנה אין אומאן, קומט אים באלד ארויף אין געדאנק: עס קומען זיך דאך צאם אזא ריזן עולם פון די גאנצע וועלט, ווערט דאך דארט אוודאי ריזיגע בערג פון מיסט, אפשר ווערט די לופט פארפעסטעוועט דערפון, אפשר וואלגערן זיך שמוץ אין די גאסן, דאס קען זיין אן אפהאלט פאר א מענטש צו גיין קיין אומאן.

איז איין קליינע דוגמא ווי אזוי א צייטונג האט מיט איין בילד - וואס רעדט מער פון טויזנט ווערטער - געשליכטעט דעם פראבלעם, זיי האבן געברענגט א בילד פון א ריזיגן קאנטעינאר פון מיסט אין אומאן! וואס באמת די ציל וואלט שוין געווען אויסגעפירט מיט דעם בילד אליין, אבער מען קען דאך נישט ממש מאכן ליצנות פון מענטשן, שרייבן א נייעס: מורי ורבותי' עס געפינען זיך גארביטש קאנעס לרחצה אין אומאן. האט מען אפירגעזיכט א בילד פון א איד וואס האט עפעס פארלוירן אין די מיסט, (די בילד איז ווארשיינליך געכאפט געווארן דורך א איד וואס מאיזה סיבה שיהיה האט ער פארזען דעם קול קורא פון אונזערע רבנים אז מען טאר נישט האבן אין באזיץ די אלע נייע כלים, דער האט געכאפט א בילד און דאס פובליצירט), אזא בילד האט דאך שוין עפעס א שטיקל פנים, דאס קען אריינגיין אין צייטונג אונטערן קעפל "א ברסלב'ער חסיד מאכט התבודדות אין אומאן...", די ליינער וועלן שוין פון זיך אליין כאפן אז דא מיינט מען נישט די

התבודדות, דא וויל מען פשוט ווייזן פאר די וועלט אז עס איז דא א שטיקל סדר, זאכן ווערן קער גענומען אין אזא דריטע וועלט לאנד ווי אוקריינא.

דאס איז איין קליינע דוגמא פון א בילד וואס געוויסע צייטונגען האבן פארשפרייט כדי צו פארגרינגערן פאר אינגעלייט און בחורים וואס ווילן פארן צום רבי'ן, דאס זאל נישט זיין פאר זיי קיין מניעה.

אזוי קומען כסדר צו פון יאר צו יאר ווי דער ראש השנה ווערט געדעקט מיט אזעלכע קלייניקייטן, אבער די קלייניקייטן קען זיין זייער בייהילפיג און גרינגער מאכן פאר א מענטש צו מאכן זיין רייזע קיין אומאן אויף ראש השנה.

צי ווען זיי ברענגען בילדער פון די טאנצערייען וואס קומען פאר דארט אין און ארום דעם מקום קדוש, ווי מען זעט צווייפלהאפטיגע מענטשן מיט אויפשריפטן פון דברי גנאי ובזיון אויף צדיקי אמת. און זיי שרייבן אונטער די בילדער, "ברסלב'ער חסידים זענען שוין אנגעקומען קיין אומאן", איז דאס חס ושלום נישט אויף חוזק צו מאכן פון די הייליגע קיבוץ פון ראש השנה, עס איז פשוט ממחיש צו זיין די געוואלדיגע רחמנות פון הייליגן רבי'ן, אז מה דאך אזעלכע פארשוינען קען דער רבי פאררעכטן קען ער דאך מיך זיכער פאררעכטן.

שטעל זיך פאר ווען זיי ברענגען נאר בילדער ווי די הונדערטער טויזנטער אידן שטייען ביים ציון און גיסן זיך אויס דאס הארץ צום טאטן אין הימל, אם אבן הוא נימוח, אדער פון אידן וואס פילן אן די הונדערטער בתי מדרשים לענגאויס אומאן און ניצן אויס די צייט מיט לערנען און דאווענען תשובה און תיקון המעשים, וואלט דאך געקענט משמע זיין אז אומאן איז א פלאץ בלויז פאר בני עליה, מוזן דאך די צייטשריפטן ברענגען אזעלכע בילדער וואס ברענגען ארויס מער די אנדערע חלק פון אומאן, די שוואכע סארט, דאס זאל געבן א שטופ פאר איינער וואס איז נישט משכמו ולמעלה, אז די אלע תיקונים וואס דער הייליגער רבי האט צוגעזאגט פאר דעם וואס קומט צו אים אויף ראש השנה, מיינט אויך אים.

מיר ברענגען פשוט קליינע דוגמאות איר זאלט כאפן ווי אזוי די קאפ פון א צייטונג שרייבער ארבעט... נישט.

נאך א קליינע דוגמא וואס דורך די קורצע אנאנסן אין די צייטונגען זענען שווערע פראבלעמען געשליכטעט געווארן, מיר ווייסן דאך אז עס קומען זיך צאם הונדערטער טויזנטער אידן אין אומאן אויף ראש השנה, ווען א מענטש הערט אזא זאך קען ער פארלירן זיין באלאנס, די קאפ הייבט אים אן שווינדלען ווי... איך וועל פארן אויף אומאן? איך וועל דאך צעדריקט ווערן צווישן אזויפיל מענטשן, אפגערעדט פון מיט נעמען קינדער, עס איז דאך ממש סכנת נפשות, זיי קענען דאך חלילה פארלוירן ווערן צווישן אזא גרויסע מאסע, דערפאר וועט איר זען אז די צייטונגען וועלן אלעמאל פארמינערן פונעם ריכטיגע צאל מענטשן וואס האבן געוויילט אין אומאן, וואס פעלט אויס צו מאכן איבריגע קאפ ווי פאר א איד וואס זוכט א תיקון פאר זיין צעבראכענעם זעהל ביים גרויסן רופא נפשות דער הייליגער רבי ז"ל, דערפאר וועלן די שרייבער זיך אלעמאל צוריקהאלטן פון שרייבן די אמת'ע ציפערן פונעם ציבור מענטשן וואס האבן געוויילט ראש השנה אין אומאן. פשוט דערפאר צו געבן א געשמאק און א רואיגקייט פאר א מענטש, ער זאל וויסן עס איז נישט קיין מקום סכנה, איר וועט זען אז א יאר וואס עס האבן זיך באטייליגט הונדערט טויזענט אידן פון איבער די גארער וועלט, אבער אין די צייטונגען וועלן געמאלדן ווערן: "איבער פערציג טויזנט האבן זיך באטייליגט אין אומאן ראש השנה", דאס געבט באלד א דערלייכטערונג פאר א מענטש, אז די געדרענג איז נישט ממש אזוי געפערליך, דאס איז דאך פשוט אזוי, ווייל דער זעלבער ליינער זעט דאך אז ביי די גרויסארטיגע רבי'שע חתונות און מסיבות ווערט באריכטעט אין די צייטונגען די זעלבע גרויסע צאל פון מענטשן וואס האבן זיך באטייליגט אין אומאן האבן זיך באטייליגט ביי די חתונות, און ער זעט אז פערציג און פופציג טויזענט מענטשן איז בכלל נישט אזא גרויסער עולם, דאס געבט אים די רואיגקייט צו

מאכן די נסיעה קיין אומאן ראש השנה.

בכלל וועט איר זען אז די צייטונגען ווילן זיין דאס מערסטע אקוראט ווען זיי דעקן נייעס, דו וועסט קיינמאל נישט זען אין א צייטונג אזעלכע ווערטער "מיר האבן געשאצט אן עולם פון כך וכך מענטשן" מען וועט דאך באלד זאגן אז דאס איז אן אויסגעטראכטע נומער, די צייטונגען ווילן אלעמאל זיכער מאכן איבערצושמועסן מיט די פאליציי און הערן וואס זיי שאצן, די פאליציי האט דאך זיכער נישט קיין נגיעה צו געבן א איבערגעשאצטע נומער, דערפאר וועט איר אלעמאל זען די קעפלעך פון די צייטונגען: "ריזיגע מאסן האבן זיך פארזאמלט, די פאליציי שאצט..."

נחזור לענינינו לאמיר נישט פארקריכן פונעם ענין פון אומאן ראש השנה, אבער... איידער מיר טרעטן צו צו באהאנדלען די אלע פראגעס וועגן אומאן, ערלויבט אונז א ווארט איבער די שרייבער פון די אלע מאגאזינען.

* * *

### ווער זענען די שרייבער

איר טראכט אודאי, ווער זענען די שרייבער פון צייטונגען? מסתם זענען זיי סתם פשוט'ע אידן, פראסטע מענטשן. ווילן מיר אייך מודיע זיין, די שרייבער פון די אידישע צייטונגען זענען אידן יראים ושלימים, מדקדקים בקלה כבחמורה, אינגעלייט וואס תורתן אומנותם, ווען עס קומט צו אזא הייליגע ארבעט פון שרייבן ארטיקלען פאר אידישע קינדער, מיינט איר אז דאס קומט ארויס מכרס מלאה? ווי אזוי קען מען דען פיטערן אידישע קינדער מיט לופט, מיט הוילקייט? די שרייבער גייען אין מקוה בעפאר זיי געבן איבער דעם דבר השם פאר אידישע קינדער (דאס איז דאך זיכער... אויב נישט פון וואו ווייסן זיי די נייעס...) זיי זענען מהרהר בתשובה, זיי זענען זיך מתבודד פאר'ן שרייבן, זיי בעטן דעם אייבערשטן אז עס זאל נישט ארויסקומען קיין מכשול מתחת ידיהם.

און כל המחובר לטהור טהור, זיי נעמען אלע נייעס פון א מקור נאמן, נישט פון די אלע כלים וכלים שונים פון די אינטערנעט; אלע נייעסן, ארטיקלען, השקפות חינוך וכדומה ווערן געברענגט פון א לויטערע ערליכע קוואל, וואס יסודתם בהררי קודש.



מען זעט טאקע די פירות דערפון, די געוואלדיגע יראת שמים מיט וואס אונזער דור איז ספעציעל געבענטשט געווארן, עס איז בלתי שום ספק אז דאס איז צו פארדאנקען אונזערע טייערע קארעספאנדאנטן, רעדאקטארן, און שרייבער וואס זענען זיך מקדש בקדושה עליונה, וויסנדיג וואסערע אחריות זיי האבן, אז מיט זייערע ארטיקלען טוען זיי פיטערן די יוגענט פון שלומי אמוני ישראל, וואס דארפן זיך דארט אנזאפן מיט יראת שמים.

דערפאר איז דען א וואונדער אז א טאטע וואס פירט זיין הויז על פי דרך המסורה לנו מדור דור, גייט אריין אין געשעפט און ליידיגט אפ צען צוועלף שריפט-ביכלעך פון די פאליצעס אן אפילו קלערן א מינוט: דאס גייען מיינע קינדער ליינען? ווער ווייסט וואס פארא גיפט עס ליגט דערין? ווער ווייסט וואסערע השכלה עס ליגט צווישן די שורות? ווער ווייסט וואס דער שרייבער טוט פאר'ן שרייבן און נאכן שרייבן? ווער ווייסט מיט וואסערע טריפה'ענע השכלה'ישע גוי'אישע און אפיקורסי'שע ביכער דער שרייבער האט זיך אנגעליינט? ווער ווייסט צי ער גליבט בכלל אינעם אייבערשטן? אבער פוק חזו מאי עמא דבר, ישראל אם לא נביאים הם בני נביאים הם, מען זעט דאך באשיינפערליך ווי אידן יראים ושלימים פילן זיך אן די וואגאנען ביים מאכן דעם שבת ארדער מיט די פילע ליין מאטריאל וואס מיר זענען געבענטשט געווארן אינעם היינטיגן פינסטערן דור, אן אפילו איין מינוט

טראכטן; דאס איז אלעס א דאנק די אינטערוועניץ פון אונזערע רעדאקטארן און קארעספאנדאנטן וואס ווייסן די הייקלקייט פון די ענין וואס ליגט דערין, די כח וואס א שרייבער האט איבערצוגעבן פאר זיינע ליינער, און זיי מאכן זיכער און געבן אכטונג אז אלע זאלן זיין אידן וואס זענען משכמם ולמעלה, אנשים מורמים מעם, וואס מען קען בלינדערהייט מיט פארמאכטע אויגן געבן פאר די צאן קדשים דאס צו ליינען, און דארט איז דאך טאקע וואו עס ווערט איבערגעגעבן די לויטערע מסורה וואס ווערט אונז איבערגעגעבן מדור דור, מען קען ממש זאגן אכשר דרא, אה! אזא שיין דור איז נאכנישט געווען, ווי אונזערע קינדער ווערן אנגעפילט מיט אזויפיל אמונה און יראת שמים, וואס זיי שעפן פון די פולע בלעטער וואס ערשיינען אין די אידישע מארקעט.

דאס האבן מיר נאר געשריבן בדרך אן א הקדמה, ווי חז"ל זאגן 'זכר צדיק לברכה' אז מען דערמאנט א צדיק דארף מען אביסל ארויסהייבן זיין שבח, און פארקערט 'שם רשעים ירקב' אז מען רעדט פון נישט אן ערליכער, דארף מען אביסל מאריך זיין מען זאל וויסן פון ווענען זיך אכטונג צו געבן.

דערפאר האבן מיר געפילט פאר א פליכט אביסל ארויסצוברענגען, זען ווער זענען אונזערע צייטונגען, ווער זענען זייערע שרייבער, און אביסל איבער וואס זייערע מאטיוון זענען.

**חלק ב'**

יעצט גייען מיר צו צום הייקעלן ענין פון 'אומאן ראש השנה', קודם וועלן מיר ברענגען אן איבערטייטשונג פון די סטעיט דעפארטמענט'ס דעקלאראציע, דערנאך וועלן מיר ציען מסקנות איבער וואס מיר טוען היי יאר.

**דאס איז די מעלדונג:**

נאך א לענגערע באריכט איבער די מצב אין אוקריינא, און ווי אזוי זאכן קענען זיך טוישן צום גוטן אדער צום שלעכטן, ווי אויך אז יעדע געגנט איז באפולמעכטיגט צו איינפירן פארשידנארטיגע געזעצן לויט ווי זיי זעען די סיטואציע, געבן זיי ווייטער איבער, אויב איר זענט נאך אלס אויסן צו רייזן קיין אוקריינא און אינגנארירן די ווארענונגען פון די סטעיט דעפארטמענט, דעמאלט נעמט אין באטראכט אנצוגרייטן די פאלגנדע זאכן:

א. מאכט זיכער צו שרייבן א צוואה, און באשטימט די צוגעפאסטע וואס זאלן באקומען די רעכט אויף אייערע נכסים.

ב. גייט איבער א דעטאלירטע פלאן מיט אייערע נאנטע, איבער איינצלהייטן וואס אנבאלאנגט אייערע קינדער, ווער עס איז באפולמעכטיגט איבער זיי, ווער עס באקומט לעגאלע קאסטעדי אויף זיי, דאס זעלבע איז מיט שטוב-חיות און פעטס, און אנדערע נכסים ווי מטלטלין, זאמלונגען, און ווערטפולע מאלערייען. ווי אויך גייט איבער די לויה איינצלהייטן און דאס גלייכן (דא קענט איר אריינשרייבן ווער עס זאל מספיד זיין וכדומה, וועלכע בלומען מען זאל לייגן איבער אייער ארון, אין וועלכע בית החיים מען זאל אייך לייגן וכדומה).

ג. געבט איבער אייער וויכטיגע אינפארמאציע, וויכטיגע דאקומענטן, לאגין אין פעסווארד פאר אייערע נאנטע (הערה: מאך זיכער אז די פארמעקסט בעפאר, זאכן וואס דיינע נאנטע ברויכן נישט זען) כדי זיי זאלן האבן א וועג ווייטער צו פירן דיינע געשעפטן אין פאל דו קערסט זיך נישט צוריק צו די פאראייניגטע שטאטן.

ד. לאז איבער די. ען. עי. סעמפלס ביי דיין לאקאלע דאקטער, כדי עס זאל זיין צו די האנט פאר דיינע נאנטע אויב עס פעלט זיך אויס.

ה. טו איינשטעלן א פריוואטע סעקיורעטי פלאן, מיט א צוזאמארבעט פון די מענטשן ביי וועם דו שטייסט איין, אדער נעם אין באטראכט די אפציע פון זיך דורכרעדן מיט א פראפעסיאנאלע זיכערהייט ארגאניזאציע.

ו. עפנט א פארבינדונג וועג פאר אייער משפחה כדי זיי זאלן קענען האבן אן איבערזיכט אויף די מצב פון אייער זיכערהייט.

ז. מאכט זיכער איר פאלגט נאך די סאציאלע מידיא, איר זאלט זיין אפדעיטעט מיט די נייעס.

ביז דא איז א פרייע איבערזעצונג פון וואס די סטעיט דעפארטמענט האט ארויסגעגעבן כדי אונז צו פארזיכערן אויף דעם קומענדיגע ראש השנה,

פארגעסט נישט אז דאס איז די זעלבע סטעיט דעפארטמענט וואס האט אונז גערעטעוועט פון די מגיפה פון קאווי"ד מיטן אונז פארשליסן אין אונזערע היימען פאר לאנגע חדשים, מיטן פאראדענען צו פארשפארן אלע עפנטליכע פלעצער, און צומאכן אונזערע שולן, חדרים, מיידל שולעס. דאס אלעס האט אפגעשטעלט די פארשפרייטונג פונעם שרעקליכן קאוויד מגיפה.

אבער מיר האלטן אז די דעקלאראציע וואס די סטעיט דעפארטמענט האט ארויסגעשטעלט איז אונטערגעשאצט, מען זעט אז עס איז געשריבן געווארן דורך א גוי'אישע קאפ, נישט נעמענדיג אין באטראכט די פילע זאכן וואס פאר א איד וואלט עס באלד איינגעפאלן ביים זיך נעמען צו אזא רייזע. מיר וועלן אויסרעכענען אויפ'ן שפיץ גאפל טייל פון די זיכערהייט מאסנאמען וואס דארף גענומען ווערן אין בעפורצוג צו אונזער רייזע צום ציון פונעם הייליגן רבי'ן אין אומאן אוקריינא אויף ראש השנה תשפ"ג.

מאכט זיכער אז איר האט בודק חמץ געווען און ריין געמאכט אייער לאקער אין בית המדרש, אין פאל עס פארציט זיך די רייזע ביזן זמן בדיקת חמץ.

אויב לאזט איר איבער א הויזן ביי אייך אין שטוב מאכט זיכער אז די מאנדזשעטן (קאפ'ס בלע"ז) זענען גוט אויסגעבערעקלט, זיך פארשפארן די עגמת נפש פון עס פארקויפן אין חמץ.

שטעלט א פארלעסליכער שליח וואס זאל פארברענען אייערע קנויטן פון חנוכה, אום זאת חנוכה.

מאכט זיכער ביים גבאי פון אייער מוסד אז ער פארזיכערט אייך אז איר זענט אויפגעסיינט צו האבן א טעי"ם אין דעם קומענדיגן טשערעדי קאמפיין פאר די מוסדות.

מאכט זיכער אז איר האט גענוג געשניטענע נעגל פאר ווי לאנג עס וועט זיך אויספעלן, איר זאלט קענען פארברענען יעדן ערב שבת ביז די קריג גייט אריבער.

מאכט זיכער מיט אייער לאקאלע שמש אז אייער זייף און שעמפו וואס וואלגערט זיך אין מקוה (אויב איז נאך דא דארט גענוג זיך אפצוזייפן פאר לכל הפחות איין שאוער) אז דאס ווערט געלייגט אויף א זיכערע פלאץ וואו עס זאל נישט פארלוירן גיין.

מאכט זיכער איידער איר פארט ארויס אז עס שטייט קעסטלעך וואסער, אשר יצר פאפיר און טישוס, ביי די אריינגאנג צו אייער הויז.

בעט דער גראסערי מאן זאל אייך אוועקלייגן אן איינצלנע פון יעדע אויסגאבע וואס ערשיינט יעדע וואך, כדי ווען איר קומט צוריק זאלט איר וויסן אין וואספארא סכנה איז זענט געווען.

פארשטענדיגט אייך מיטן לאקאלן שמש פון אייער בית המדרש אז אין פאל פון א קידוש, שלום זכור וואכנאכט וכדומה, זאל ער אינזין האבן צוצושטעלן א געהעריגע מכובד'יגע זאך, וועגן באצאלן דארפט איר נישט זארגן עס איז דאך א שמיטה יאר...

ווי אויך מאכט זיכער אז מען דערקענט נישט אז איר פעלט פונדערהיים דורך די פאלגנדע זאכן:

לאזט איבער א הוט אויף אייער גמרא אין בית המדרש, אויב איז עס צו אויפפאלנד אז עס ליגט דארט אויך ביינאכט, דינגט איינער זאל דאס אראפנעמען ביינאכט און צוריקלייגן אינדערפרי.

מאכט זיכער אז עס קלעבט א צעטל ביי די קאווע - כאטש איין מאל א חודש - א זאת נדבת פון אייער נאמען.

געבט איבער פאר א באגלייבטער שכן וואס גייט סיי ווי פארביי אייער קאר, ער זאל צאמנעמען די טיקעטס, עס זאל נישט ארויסרופן וואונדער ווען די פארקינג טיקעטס וועלן פארשטעלן די פענסטער פון אייער קאר.

אויב לאזט איר איבער עלטערע קינדער אינדערהיים (בעיקר טעכטער, ווייל די זון וועלן דאך מיטגיין קיין אומאן)

מאכט זיכער זיי איבערצוגעבן דאס וויכטיגקייט פון טון שידוכים וואס זאל זיין לפי כבוד המשפחה, באין ברירה, אין ערגסטן פאל זאלן זיי כאטש וויסן אז אזא שידוך גייט נישט אין די טעגליכע בלעטל מיט'ן נאמען פונעם מחותן.

דינגט א באגלייבטער מענטש וואס זאל האבן עקסעס צו אייער סטעטוס, ער זאל אינזין האבן צו פאוסטן כסדר נייע סטאטוסן, מען זאל נישט כאפן אייער אפוועזנהייט.

* * *

אוי! פון די אלע ווערטלעך האבן מיר אינגאנצן פארגעסן אז עס קומט א יום הדין ווי מען גייט אונז דן זיין אויף יעדע פרט פון די קומענדיגע יאר.

נו, ווי קענען מיר טאקע וויסן וואס צו טון ווען פון איין זייט האבן מיר א יאר וואס קומט און מיר דארפן א גוטע לויער וואס זאל אונז קענען פארטיידיגן פון אלע אונזערע מקטריגים.

פון די אנדערע זייט הערן מיר אז עס איז דא א קריגס צושטאנד אין אוקריינא.

פון איין זייט הערן מיר אז מיר זענען אלע אויסגעשטעלט יעדן טאג צו סכנה'דיגע זאכן, עס טוען זיך זאכן וואס מיר האבן אליינס בייגעוואוינט אין די לעצטערע יארן.

פון די אנדערע זייט הערן מיר אז דער אייבערשטער הערט אויס תפילות נישט קיין חילוק וואו מיר געפינען זיך.

פון די אנדערע זייט הערן מיר אז דער רבי נעמט זיך אונטער צו פארטיידיגן אונז מיט אונזער משפחה פון אלע דינים וואס קומען אויף די וועלט.

פון איין זיין הערן מיר די נייעס, אז עס איז געפערליך, און שרעקליך.

פון די אנדערע זייט א טאג וואס מיר פארגעסן צו הערן די נייעס זעען מיר אז אלעס איז רואיג און גוט.

פון די אנדערע זייט זעען מיר אז מענטשן פארן יעדן טאג, קומען און גייען, די לעבן גייט אן ווי געהעריג.

פון איין זייט זאגן דאך די נייעס קוועלער אז היי יאר זאל מען נאכגעבן און נישט פארן.

פון די אנדערע זייט הערן מיר פון די רבנים און דיינים אז עס איז בכלל נישט קיין מקום סכנה, איז פארוואס זאלן מיר נישט פארן.

ווי אזוי וועלן מיר מאכן די ריכטיגע החלטה? איז דאס בעסטע זאך איז צו פארן אויף ראש השנה קיין אומאן, און דארט זיך אויסגיסן די הארץ ביים רבינ'ס ציון אז מיר זאלן שוין זוכה זיין צו א ריינע מח און די אלע בהלות און נייעס'ן זאלן נישט מאכן אויף אונז קיין שום רושם, און איינרייסן דארט אז מיר זאלן באקומען א געזונטע נערוון סיסטעם און נישט נתפעל ווערן פון יעדן ליידיגער מענטש, נאר מיר זאלן זיין שטארק מיט די ווערטער פון צדיקים.

נו? מיר וועלן זיך זען אי"ה און אומאן? וואס איז די שאלה?

א רגע נאר... וואו לויפסטו... דער עיקר פעלט דאך... דאס איז זיכער נישט קיין רויע מאטריאל, און דאס איז דאך זייער וויכטיג צו וויסן: אן תפילה, איז דארט וואו דו ביסט, ביסטו אין א סכנה, און מיט תפילה סיי וואו דו זאלסט נישט זיין ביסטו נישט אין א סכנה, איז לאמיר ארויסגיין פון די סכנה'דיגע פלאץ וואו מיר געפינען זיך, און אין איין רגע זיין באשיצט אונטערן אייבערשטן: **אייבערשטער! גאט! טאטע! עס איז מיר אזוי ענג, עס איז מיר אזוי ביטער, צוויי לענדער האבן זיך אריינגעזעצט ביי מיר אין מח ביידע טענה'ן אז איך געהער צו זיי, אייבערשטער עס איז נישט קיין דזשאוק, דו ביסט מיין טאטע, דו האסט מיך באשאפן, דו ביסט מיין איינציגסטע האפענונג! ראטעווע מיך! ראטעווע מיך! ראטעווע מיך! ווייל איך טראג עס נישט אריבער, איך בין א פארלוירענער! א פארפאלענער! עס פליען אטאמישע וואפנס ביי מיר אין מח, איך עקספלאדיר יעדע רגע! איך בין אין דיינע הענט, וואטש מיך, העלף איך זאל נישט מורא האבן פון גארנישט נאר פון דיר.**

אההה! א מחיה! שפירסט נישט ווי דו ביסט ארויס פון סכנה?

# שטעטל נייעס

## געשריבן קאנטראקט מיט א נייע גאז קאמפאני




פריידיגע נייעס קומט אריין אז מען האט אויסגעארבעט מיט א גאז קאמפאני וואס גייט שטיין גרייט צו סערווירן אלע איינוואוינער מיט גאז. ביז היינט איז געווען א קאמפאני מיט'ן נאמען "פעררעל גאז" וואס האט צוגעשטעלט גאז פאר א ביליגע פרייז, די פראבלעם איז אבער געווען אז זיי האבן נישט געוואלט געבן דעם ביליגן פרייז, נאר אויב עס איז אינטער איין נאמען פון איין קאמפאני, במילא איז עס ביז יעצט געווען אינטער די קאמפאני וואס בויעט די הייזער אין שטעטל מיט'ן נאמען "פעסט בילד".

אנגעהויבן האט זיך עס ווען מען האט געבויעט די ערשטע הייזער אין שטעטל, מען האט פלאנירט אלע דעטאלן פונעם בויען, ווען עס איז געקומען צו די נקודה פון גאז האט מען אנגעהויבן זוכן וועלכע קאמפאני וועט געבן א גוטן פרייז, ביז מען איז אנגעקומען צו א קאמפאני אין ניו דזשערזי "פעררעל גאז" וואס זיי האבן געגעבן די בעסטע פרייז, אבער זיי האבן נאר געוואלט עס זאל זיין איין גרויסע אקאונט פאר אלע הייזער, דעמאלט האט זיך עס גערעדט פון סכך הכל 5 הייזער, מען האט נישט געחלומ'ט אז מען גייט שוין האלטן אזוי ווייט ווי מען האלט היינט, במילא איז מען איינגעגאנגען מיט'ן געשעפט.

וואס האט זיך אבער אויסגעשטעלט איז אז פעסט בילד האט געדארפט זיין פארנומען מיט דעם אויפצוסעטן יעדן'ס גאז אקאונט אהין און צוריק, און יעדע מאל איינער האט נישט פארשטאנען פארוואס מען שיקט אים א ביל האט פעסט בילד געדארפט זיין פארנומען מיט דעם, פארשטייט זיך בלי תשלום גמול, נאר אלס א טובה, ברוך השם די שטעטל האט געהאלטן אין איין וואקסן מען האט זיך דערזעהן אז עס וועט נישט זיין מעגליך צו געבן דעם סערוויס פאר אומזיסט ווייל עס נעמט אוועק שעות אויף שעות, האט מען געזוכט א אינגערמאן וואס איז גרייט דאס איבערצונעמען, איין שטיק צייט איז אפילו געווען א פלאן אז די מוסדות אפיס זאל עס איבערנעמען.

ביז מען האט געטראפן א פיינער אינגערמאן וואס האט דאס איבערגענומען, ער האט געבעטן א געוויסע סכום באצאלט פאר יעדן מאל וואס מען איז געקומען אנפולן דעם טאנק, אבער האט אבער פאסירט איז אז נישט יעדער האט גלייך די געלט צו באצאלן זיין ביל, במילא האט זיך אנגעזאמעלט אפענע בילס פון אינגעלייט, וואס מען האט געדארפט יעדן טאג נאכלויפן זיי זאלן עס באצאלן, און ווען די קאמפאני האט געזעהן דעם גרויסן אפענעם ביל האבן זיי מער נישט געוואלט ברענגן פרישע גאז פאר אלע פון דעם אקאונט, ווייל דאס איז דאך איין גרויסן אקאונט ביי זיי, האבן די אנדערע אינגעלייט געהאט טענות היתכן איך דארף יעצט ליידן און נישט האבן קיין גאז ווייל איינער צאלט נישט זיין ביל צייטליך.

דאס איז איין חלק וואס האט געמאכט שווער צו האבן איין אקאונט, למעשה איז געווען נאך פראבלעמען מיט דעם, וואס איך וויס נישט צו איר האט נאך געדולד צו ליינען אזוי סאך וועגן דעם נושא, אבער מיט דעם איין משל איז שוין גענוג צו פארשטיין פארוואס מען האט מחליט געווען אז עד כאן מען קען שוין ווייטער נישט אזוי אנגיין, מען האט זיך גענומען זוכן א אנדערע קאמפאני וואס האט גוטע פרייזן און עס זאל קענען זיין יעדע הויז אפגעטיילט, ביז דער אייבערשטער האט געהאלפן אז האברך החשוב מו"ה שלמה יאקאבאוויטש הי"ו האט געטראפן א געוויסע גאז קאמפאני מיט'ן נאמען "סעבערבן פראפעין" וואס זיי קענען זיין גוט פאר אונז, וכך הוה, זיי זענען אריינגעקומען נאך ביליגער ווי דעם פריערדיגן און דער עיקר אז זיי האבן געקענט באשטיין אז יעדע הויז זאל זיין עקסטער, און נישט איין גרויסע אקאונט.

אין די קומענדיגע טעג וועלן אלע וואס האבן א גאז

# שטעטל נייעס

טאנק באקומען א רוף פון די נייע קאמפאני צו זען ווען עס איז א גוטע צייט וואס מען קען אריבערקומען און ברענגען דעם נייעם טאנק. ווען איר רופט אריין צו דעם קאמפאני קענט איר זאגן אז איר רופט פאר די אקאונט מיט'ן נאמען "ברסלב קאמיוניטי" וואס אינטער דעם ליגט אייער אדרעסס. די נומער פון דעם קאמפאני איז 845-469-2171

ביי דעם געלעגענהייט ווילן מיר זיך טאקע באדאנקען פאר די פירמע "פעסט בילד" אנגעפירט דורך האברך מו"ה שבתי מזרחי הי"ו וואס האט ביז יעצט סערווירט די איינוואוינער מיט אזא געטריישאפט, אפילו עס איז נישט אנגעקומען גרינג וכו', דאך האבן זיי עס געטוהן, אנגעהויבן פון ווען די שטעטל האט זיך געעפענט דריי יאר צוריק ביז היינט, דער אייבערשטער זאל זיי באצאלן מיט אלעס גוטס.

## סיומים אין ש"ס איינס נאכ'ן צווייטן



א גאר רירענדע מעמד סיום הש"ס איז פארגעקומען פארגאנגענעם דינסטאג (פרשת שופטים) ווען הילד החשוב שמעון ראטה נרו יאיר א קאזין פונעם ראש ישיבה שליט"א האט זוכה געווען צו ענדיגן גאנץ ש"ס נאך אפאר יאר הארעווען און לערנען יעדן טאג בלעטער גמרא פון די אייגענע צייט, פאר אדער נאך חדר.

דערנאך האט דער ראש ישיבה גערעדט זייער ווארימע דיבורים, אז שמעון נרו יאיר איז אונז אלע מחייב, מיר זענען אלע געווארן פארשעמט אז מען זעהט א קינד פון 11 יאר ענדיגט ש"ס, און דאס דארף אונז אלע אויפוועקן אז מיר זאלן דאס אויך טוהן און אזוי זוכה זיין צו אלעס גוטס. און דער ראש ישיבה האט אויסגעפירט: "יעצט אז מען האט געענדיגט דעם זומער איז דאס די בעסטע ענדע, אז מען געזעגענט זיך מיט א סיום הש"ס".

דער ראש ישיבה האט אויפגעהויבן צוויי גמרות מנוקד פון צוויי באזונדערע קאמפאניס, און זיך אנגערופן "היינט איז שוין דא צוויי קאמפאניס וואס געבן ארויס גמרות מנוקד, יעדער האט זיינע מעלות, קויפט דיר אזא גמרא און הייב אן זאגן גמרא, קענסט קויפן יעדע מסכתא עקסטער, מען דארף נישט קויפן די גאנצע סעט אויף איינמאל.

אינמיטן שיעור האט דער ראש ישיבה ארויפגערופן מו"ה חיים מאיר ערפס הי"ו צו זינגען אפאר חרוזים, חיי מאיר האט טאקע נישט אנטוישט דעם ציבור נאר אראפגעלייגט אין גראמען די געוואלדיגקייט פון דעם מעמד.

אינעם זעלבן טאג איז אויך פארגעקומען א סיום הש"ס אין שטוב פון האברך מו"ה אברהם דוד לאקס הי"ו וואס האט מסיים געווען ש"ס אין דרייצן חדשים, נאכן הערן איין שיעור פונעם ראש ישיבה פאריאר זומער וואס האט אים זייער מעורר געווען אז ער זאל אויך אנהייבן ש"ס און ער האט זוכה געווען נאך דרייצן חדשים דאס צו מסיים זיין, און דאס איז נישט די ערשטע סיום הש"ס, נאר גאר דעם צווייטן סיום הש"ס וואס ער איז מסיים.

ביים סיום האט מו"ה חיים מאיר ערפס הי"ו ארויסגעברענגט מיט גראמען אז דא רעדט מען נישט פון א כולל אינגערמאן וואס לערנט א גאנצן טאג, ניין, מען רעדט פון א אינגערמאן וואס ארבעט יעדן טאג שווער, און דאך רייסט ער זיך אוועק צייט צו לערנען תורה, דאס איז א געוואלדיגע מוסר השכל פאר אונז אלע אז יעדער איינער קען זוכה זיין צו לערנען און ענדיגן ש"ס איינמאל און נאכאמאל.

# היכל הקודש נייעס

**אומאן**

## עפארדעבל פלאן אנצוקומען צום הייליגן רבי'ן אויף ראש השנה תשפ"ג



שחרית אויפ'ן וועג קיין אומאן מיט מוהרא"ש און דער ראש ישיבה

ווי שוין באריכטעט פאריגע וואך האט פלען איט רייט געמאלדן אז זיי האבן אויסגעארבעט בסייעתא דשמיא א גרויסארטיגע פלאן אויפן בעסטן וועג וואס איז נאר מעגליך לויט די מצב אין אוקראינע, וויאזוי צו ברענגען אלע אנשי שלומינו תלמידי היכל הקודש פון די עירפארטס אין פוילן ביז קיין אומאן צום בנין פון היכל הקודש.

יענע פלאן וואס קאסט $898 פער מענטש ביידע וועגן, רעכנט אריין באסעס וואס וועלן אפווארטן אלע איינגעשריבענע ביים עירפארט אין פוילן, דערנאך א פלאץ צו דאווענען, א מקוה מיט שויערס, פולע מאלצייטן פון פרישטאג מיטאג און נאכטמאל מיט איבערבייס דורכאויס די גאנצע רייזע, א וועג מיטן באן און מיט א באס ביז אומאן, און אויפן וועג צוריק די זעלבע זאך פלאס א אפשטעל איבערנאכט אין א האטעל איבערצושלאפן ביז אינדערפרי.

אויפן פארלאנג פון פילע אנשי שלומינו וואס האבן געבעטן אז מען זאל אויך צושטעלן אן עפארדעבל פלאן, האט מען אויסגעארבעט אז מען וועט קענען צושטעלן א טיילווייזע סערוויס פאר בלויז $399 פער מענטש, פאר דעם וועט מען באקומען ביידע וועגן א רייזע מיטן באן פון פוילן ביז אוקריינא, און דערנאך א באס ביז אומאן פאר ביידע וועגן.

די מעלה פון דעם פלאן אז עס וועט זיין אסאך ביליגער, אבער פון די אנדערע זייט וועט מען זיך דארפן אליינס באזארגן מיט א פלאץ וואו צו זיין נאכדעם וואס מען קומט אן קיין פוילן ביז דער באן קומט (אויב מען קומט אן אסאך פריער) אדער וועט מען דארפן זוכן א וועג אנצוקומען באצייטענס צום באן (אויב מען קומט אן שפעטער), אויך וועט מען זיך דארפן פארשאפן עסן אויף די גאר לאנגע וועג, אזוי אויך וועט מען נישט האבן קיין בית המדרש און מקוה, און די זעלבע זאך אויפן וועג צוריק.

אויף יעדן פאל, דארף מען דאנקען דעם אייבערשטן אז מען קען קומען צום הייליגן רבי'ן אויף דער וועג צי אויף יענער וועג.

דער הייליגער רבי נתן האט אמאל געזאגט: "אפילו מען זאל מיר אויסלייגן מעסערס אויף די גאנצע וועג ביזן הייליגן רבינ'ס ציון אין אומאן, וואלט איך אויך נישט מוותר געווען אויף דעם הייליגן נסיעה", כל שכן וכל שכן אז מען קען היינטיגע צייטן אנקומען גרינג צום הייליגן רבי'ן (אויב קוקט מען עס אן רעלאטיוו צום הייליגן רבי נתן'ס צייטן, ווען מען האט געדארפט פארן וואכן מיט פערד-און-וואגן), רייסט זיך ארויס פון מויל "אשרינו מה טוב חלקינו, אז מיר האבן א רבי'ן וואס פארשטייט אונז".

אין זכות פון פאלגן דעם הייליגן צדיק וועט ער זיכער ממליץ טוב זיין פאר אונז ביים יום הדין פארשריבן צו ווערן בספרן של צדיקים גמורים.

אזוי ווי פלעצער זענען זייער באגרעניצט, מען דארף באשטעלן די באסעס, די באנען, האטעל צימער, עסן און טרינקען לויטן געברויך, דארף מען זיך וואס שנעלער איינשרייבן.

מען קען זיך איינשרייבן ביי מו"ה אפרים פעלדמאן הי"ו 845-587-2421 אדער ביי מו"ה משה בלוי הי"ו 917-636-9026.

**אשרינו מה טוב חלקינו שזכינו להתקרב לרבינו**



# "מעשיות פון תפילה"

## ברוך נוסבוים - בני ברק:

אין איינע פון די טעג וואס ביי די וועלט הייסט דאס בין הזמנים בין איך געווען ביי א גרויסע פארק דא אין ארץ ישראל, איך בין געווען אין די געגנט שוין פון די פארמיטאג שעות, עס איז אנגעקומען זמן מנחה און איך האב זייער שטארק געוואלט דאווענען מיט מנין, אבער ס'איז שוין געווען נאנט צו די שקיעה, און ס'איז נישט געווען קיין חרד'ישע אידן אין די גאנצע געגנט.

איך בין געזיצן אויף די גראז מיט מיין משפחה, און איך האב פארמאכט די אויגן און געבעטן דעם אייבערשטן אז איך זאל נישט דארפן דאווענען ביחידות, איך וויל דאווענען מיט א מנין פון צען אידן, תוך כדי איך האב פארמאכט מיינע אויגן הערט איך אז מען רופט מיר, איך געב א קוק און איך זע נעבן מיר שטייט א אינגערמאן און ער פרעגט מיר אויב איך האב שוין געדאווענט מנחה ווייל ער האט נאך ניין אידן וואס האבן נאכנישט געדאווענט מנחה, שכח אייבערשטער אז איך האב זוכה געווען צו דאווענען מנחה מיט מנין.

## דוד דייטש:

איך האב געפלאנט אוועק צו פארן פאר א וואקאציע מיט מיין משפחה אין א וואך וואס קומט אויס גוט פאר אונז. איך האב געקוקט די וועטער אין ס'איז געשטאנען אז די גאנצע וואך גייט רעגענען, האב איך זייער שטארק געבעטן דעם אייבערשטן אז נישט נאר ס'זאל נישט רעגענען נאר ס'זאל זיין שיין זוניג, און ברוך השם קיין איין טאג האט נישט גערעגנט, ס'איז געווען הערליכע וועטערס מיט א שיינע זון.

## אלחנן זויבערמאן - ירושלים עיר הקודש:

אין ארץ ישראל איז דא א געזעץ אז יעדעס יאר דארף יעדע קאר אדורכגיין א טעסט ווי מ'טעסט די קאר צו עס קען נאך פארן געהעריג אויפן ראוד.

אזויווי איך האב אן אלטע קאר - וואס אין אזעלכע קאר'ס פירן זיי זיך צו קוקן דורך און אדורך, אזוי אז ס'איז כמעט נישט שייך אריבערצוגיין די טעסט, נאך אז מ'גיסט אריין שווערע געלטער צו פאררעכטן א-ל-ע-ס!

איך האב געשיקט מיין קאר צו טעסטן און כ'האב באקומען אן ענטפער אז די קאר איז נישט גוט און מ'דארף עס פאררעכטן אדער עס אויפהערן נוצן. האב איך געבעטן דעם אייבערשטן אז כ'זאל עס קענען פאררעכטן פאר ביליג. כ'בין עס געגאנגען פאררעכטן און ס'האט טאקע נישט צופיל געקאסט.

נאכדעם האב איך ווייטער געבעטן דעם אייבערשטן אז יעצט נאכן באצאלן די קלייניקייט זאל די קאר אריבער גיין די טעסט. שכח אייבערשטער ביז א שעה בין איך שוין געווען מיטן פערמיט אין האנט...

## זלמן וויזל - ירושלים עיר הקודש:

אין די גאס ווי איך וואוין בויט מען יעצט באן שינעס, לכבוד דעם ווערט זייער אסאך מאל פארשטאפט די פייפס און ס'קומט ארויף די שמוציגע וואסער און ס'וועט פארפלייצט די אריינגאנג פונעם בנין.

די וואך איז שוין געווען אפאר מאל וואס ס'איז געשען און איך האב נישט געוואלט ס'זאל ווערן נאכאמאל, פרייטאג צונאכטס א שעה פאר שבת איז נאכאמאל ארויף געקומען די וואסער און מהאט נישט געזען קיין וועג ארויס מיט דעם פראבלעם.

איך האב געזען אז איך האב נישט קיין אנדערע ברירה נאר בעטן דעם אייבערשטן, איך האב געבעטן דעם אייבערשטן אז ווען מען קומט צוריק פון בית המדרש זאל די וואסער שוין זיין אראפגעגאנגען און ס'זאל נישט לאזן קיין שום סימנים, שכח אייבערשטער אז ווען מען איז צוריק געקומען פון בית המדרש איז שוין נישט געווען קיין זכר פון די וואסער, און ס'איז נישט געווען קיין שום סימנים אז ס'איז געווען דא אמאל שמוציג. שכח אייבערשטער.

**סיי וואו איר וואוינט קענט איר איבערלאזן אייער מעשה פון תפילה.**

שיקט אריין אייער מעשה פון תפילה צו 845-379-1161

# א בריוו

## פונעם ראש ישיבה שליט"א

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאבּ חֲתוּנָה גֶעהַאט צוּם צְווייטְן מָאל, אוּן אִיךְ לֶעבּ זֵייעֶר גוּט מִיט מַיין וַוייבּ בָּרוּךְ ה', אוּן אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר שְׁטַארְק חֵשֶׁק צוּ פָאָרְן קַיין אוּמַאן צוּם רֶבִּי'ן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אָבֶּער מַיין וַוייבּ הָאט שְׁטַארְק נִישְׁט חֵשֶׁק צוּ וֶוערְן צוּרִיק אַיינְזַאם אוֹיף יוֹם טוֹב, אוּן זִיךְ דֶערְמַאנֶען צוּרִיק פוּן אִירֶע אַלְטֶע שְׁווערֶע צַייטְן.

זִי זָאגְט מִיר אַז אִיךְ קֶען פָאָרְן, אָבֶּער עֶס גֵייט אִיר זַיין זֵייעֶר שְׁווער, זִי וֶועט פַארְלָאזְן טְרֶערְן זַייעֶנְדִיג טְרַאמַאטִיזִירְט פוּן אִיר פַארְגַאנְגֶענְהֵייט. וָואס קֶען דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א מִיר עֵצָה'ן צוּ טוּן? יְיַשֶּׁר כֹּחַ פוּן פָאָרְאוֹיס

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת כִּי תֵצֵא, ט' אֱלוּל, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן**

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אַז דַיין וַוייבּ לָאזְט דִיר זַיין רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִין אוּמַאן זָאלְסְטוּ אַוַדַאי קוּמֶען אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה צוּם רֶבִּי'ן כְּדֵי צוּ בַּאקוּמֶען דֶעם תִּיקוּן. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תו): **"שֶׁיְּכוֹלִין אָז אֲנָשִׁים לְקַבֵּל תִּקּוּנִים מַה שֶּׁבְּכָל הַשָּׁנָה לֹא הָיָה בְּאֶפְשָׁר שֶׁיִּהְיֶה לָהֶם תִּקּוּן בְּשׁוּם אֹפֶן, אַף עַל פִּי כֵן בְּרֹאשׁ הַשָּׁנָה יְכוֹלִין אֲפִילּוּ הֵם לְקַבֵּל תִּקּוּן. אַף עַל פִּי שֶׁבְּכָל הַשָּׁנָה אֲפִילּוּ הוּא בְּעַצְמוֹ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה לֹא הָיָה יָכוֹל לְתַקְּנָם אֲבָל בְּרֹאשׁ הַשָּׁנָה גַּם הֵם יְכוֹלִים לְקַבֵּל תִּקּוּנִים. כִּי אָמַר שֶׁהוּא עוֹשֶׂה בְּרֹאשׁ הַשָּׁנָה עִנְיָנִים וְתִקּוּנִים מַה שֶּׁבְּכָל הַשָּׁנָה גַּם הוּא אֵינוֹ יָכוֹל לַעֲשׂוֹת"**, רֹאשׁ הַשָּׁנָה קֶען אִיךְ יֶעדְן אֵיינֶעם הֶעלְפְן, אֲפִילוּ מֶענְטְשְׁן וָואס אִיךְ קֶען זֵיי נִישְׁט מְתַקֵּן זַיין אַ גַאנְץ יָאר.

גְלֵייבּ מִיר, עֶס אִיז פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם שְׁווער; פַאר אַלֶע וָואס פָאלְגְן דֶעם רֶבִּי'ן אוּן קוּמֶען קַיין אוּמַאן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה - אִיז דָאס שְׁווער, סַיי פַאר דִי מֶענֶער וָואס פָאָרְן אוּן סַיי פַאר דִי פְרוֹיעֶן וָואס בְּלַייבְּן אִין שְׁטוּבּ מִיט דִי קִינְדֶער וְכוּ'. אָבֶּער אַז דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן רכ): **"וָואס זָאל אִיךְ אַייךְ זָאגְן, קַיין גְרֶעסֶערְס פוּן דֶעם אִיז נִישְׁט פַארְהַאנֶען"**, לֵייגְן מִיר אַוֶועק אַלֶע בַּאקְוֶועמְלִיכְקַייטְן אוּן מִיר פָאָרְן קַיין אוּמַאן.

אִיךְ זָאג שְׁטֶענְדִיג פַאר אַלֶע וָואס קוּמֶען זִיךְ אָפְּרֶעדְן אוֹיף דִי וַוייבּ אַז זִי לָאזְט נִישְׁט קוּמֶען קַיין אוּמַאן, אַז עֶס הָאט גָארְנִישְׁט צוּ טוּן מִיט דַיין וַוייבּ, 'אַז דוּ וֶועסְט זִיךְ אוֹיפְפִירְן אַ גַאנְץ יָאר אַזוֹי וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין, דוּ וֶועסְט זַיין אִין שְׁטוּבּ אַ גַאנְץ יָאר אוּן אַרוֹיסְהֶעלְפְן דַיין וַוייבּ זִיךְ צוּ פָארֶען מִיט דִי קִינְדֶער, דוּ וֶועסְט רֶעדְן שֵׁיין צוּ אִיר אַזוֹי וִוי אַן עֶרְלִיכֶער אִיד רֶעדְט צוּ זַיין וַוייבּ, דֶעמָאלְט וֶועט זִי דִיר נִישְׁט שְׁטֶערְן פוּן פָאָרְן צוּם רֶבִּי'ן, אַדְרַבָּה זִי וֶועט דִיר מְחַזֵּק זַיין דוּ זָאלְסְט פָאָרְן קַיין אוּמַאן זִיךְ אוֹיסְבֶּעטְן אַ גוּט יָאר'.

דִי וֶועלְט זָאגְט: "פַארְוָואס בְּלָאזְט דֶער שׁוֹפָר אַזוֹי גוּט רֹאשׁ הַשָּׁנָה? וַוייל עֶס לִיגְט אַ גַאנְץ יָאר אִין אָרוֹן הַקוֹדֶשׁ" - דָאס זֶעלְבֶּע זָאגְט מוֹהֲרָא"שׁ: - **"אַז מֶען וִויל פָאָרְן קַיין אוּמַאן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה וֶוענְדְט זִיךְ עֶס וִוי אַזוֹי מֶען פִירְט זִיךְ אוֹיף אַ גַאנְץ יָאר**; אַז דַיין וַוייבּ וֶועט זֶען אוֹיף דִיר אַ גַאנְץ יָאר אַז דוּ פִירְסְט זִיךְ אוֹיף וִוי אַ בְּרֶסְלֶב'עֶר חָסִיד, דוּ לֶערְנְסְט דַיינֶע שִׁיעוּרִים כְּסִדְרָן יֶעדְן טָאג אוּן דוּ לֶעבְּסְט מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, דַאן וֶועט זִי דִיר נִישְׁט מְעַכֵּב זַיין פוּן פָאָרְן קַיין אוּמַאן".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע דַיינֶע וֶועגְן.

**אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.**

# א שיחה

## פון דער ראש ישיבה שליט"א



## עֶס אִיז אִינְטֶערְגֶעשְׁטֶעלְט חֵלֶק ב'

**דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט דֶערְצֵיילְט:** עֶס אִיז דָא אַ גֶעוִויסֶע קָאמְפֶּענִי וָואס שְׁטֶעלְן אוּנְטֶער מַעֲשִׂיּוֹת אוּן כַאפְּן עֶס אָפּ, דֶערְנָאךְ וַוייזְן זֵיי עֶס פַאר דִי גַאנְצֶע וֶועלְט. צוּם בֵּיישְׁפִּיל, מֶען זֶעט וִוי זֵיי לֵייגְן אַרָאפּ אוֹיף דִי עֶרְד פָארְנְט פוּן אַ בַּאנְק, אַ טְשֶׁעק פוּן 'צֶען טוֹיזֶענְט דָאלֶער', דֶערְנָאךְ גֵייעֶן דוּרְךְ עֶטְלִיכֶע מֶענְטְשְׁן וָואס זֶעעֶן דֶעם טְשֶׁעק אוּן גֵייעֶן וַוייטֶער, זֵיי מַאכְן זִיךְ נִישְׁט וואוּסֶענְדִיג דֶערְפוּן, בִּיז אֵיינֶער דֶערְבַּארֶעמְט זִיךְ אוּן הֵייבְּט אוֹיף דֶעם טְשֶׁעק, עֶר פְּרוּבִּירְט גֶעוואוֹיר וֶוערְן וֶועמֶענְס דָאס אִיז, עֶר גֵייט אַרַיין אִין בַּאנְק אוּן פְרֶעגְט וֶועמֶענְס דָאס אִיז, פְּלוּצְלִינְג קוּמֶען אַרוֹיס דִי וָואס הָאבְּן דָאס אוּנְטֶערְגֶעשְׁטֶעלְט, אוּן זָאגְן אוֹיס דֶעם סוֹד אַז זֵיי הָאבְּן עֶס אוּנְטֶערְגֶעשְׁטֶעלְט; זֵיי וַוייזְן פַאר דִי גַאנְצֶע וֶועלְט דֶעם מֶענְטְשׁ וָואס הָאט אַזוֹי רַחְמָנוּת גֶעהַאט צוּרִיקְצוּגֶעבְּן אַזַא רִיזִיגֶע סוּמֶע גֶעלְט...

אָדֶער מַאכְן זֵיי אַ אַנְדֶערֶע מַעֲשֶׂה, זֵיי נֶעמֶען אַ מֶענְטְשׁ, אִינְמִיטְן דִי קַאלְטֶע ווִינְטֶער נֶעכְט, זֵיי לֵייגְן אִים אַרַיין אִין אַ בֶּעג אוּן לֵייגְן אִים אַרָאפּ אִינְמִיטְן מַאנְהֶעטְן, מֶען זֶעט וִוי עֶס גֵייעֶן דוּרְךְ הוּנְדֶערְטֶער מֶענְטְשְׁן, אוּן עֶר שְׁטֶעקְט אַרוֹיס זַיין קָאפּ פוּן דִי בֶּעג זִיךְ וַוארְפְנְדִיג פַאר קֶעלְט אוּן קֵיינֶער מַאכְט זִיךְ נִישְׁט וואוּסֶענְדִיג פוּן אִים, בִּיז אֵיינֶער שְׁטֶעלְט זִיךְ אָפּ אוּן טוּט זִיךְ אוֹיס זַיין מַאנְטְל אוּן גֶעבְּט עֶס פַאר יֶענֶעם. פְּלוּצְלִינְג קוּמֶען אַרוֹיס דִי וָואס הָאבְּן דָאס אוּנְטֶערְגֶעשְׁטֶעלְט, אוּן זָאגְן אוֹיס דֶעם סוֹד אַז זֵיי הָאבְּן עֶס אוּנְטֶערְגֶעשְׁטֶעלְט, אוּן זֵיי וַוייזְן פַאר דִי גַאנְצֶע וֶועלְט דֶעם מֶענְטְשׁ וָואס הָאט אַזוֹי רַחְמָנוּת גֶעהַאט אוֹיף דֶעם מֶענְטְשׁ. אַזוֹי טוּט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, עֶר שְׁטֵייט אוּנְטֶער יֶעדֶע נִסָּיוֹן קוּקְנְדִיג וִוי אַזוֹי דֶער מֶענְטְשׁ וֶועט זִיךְ דֶערְהַאלְטְן.

**זָאגְט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א וַוייטֶער:** מָשִׁיחַ וֶועט דֶערְצֵיילְן: "דֶעם פְרַייטָאג צוּנַאכְטְס הָאסְטוּ גֶעשְׁפִּירְט וִוי דוּ וֶוערְסְט גֶערֶעגְט, לְמַעֲשֶׂה הָאסְטוּ זִיךְ נִישְׁט אוֹיפְגֶערֶעגְט נָאר גֶעבְּלִיבְּן מִיט אַ שְׁמֵייכְל"; "דֶעם שַׁבָּת הָאבְּן דִיר דַיינֶע קִינְדֶער אוֹיפְגֶעוֶועקְט"; "דֶעם טָאג הָאט דִיר אֵיינֶער אָנְגֶעגָאסְן מִיט קַאוֶוע"; "דֶעם טָאג הָאט דִיר אֵיינֶער צוּגֶענוּמֶען דַיין זַאךְ"; "דֶעם שַׁבָּת הָאט מֶען דִיר נִישְׁט אַרַיינְגֶעלָאזְט אַהֵיים".

אַ אִינְגֶערְמַאן דֶערְצֵיילְט מִיר, עֶר אִיז אַרָאפְּגֶעגַאנְגֶען צוּ אַ 'שָׁלוֹם זָכָר' וֶוען עֶר אִיז אַהֵיים גֶעקוּמֶען זֶעט עֶר אַז זַיין וַוייבּ הָאט צוּגֶעשְׁפַּארְט דִי טִיר, אוּן שְׁרֵייט אַרוֹיס צוּ אִים: "דוּ הָאסְט גֶעזָאגְט דוּ גֵייסְט נָאר פַאר צְוֵויי מִינוּט, לְמַעֲשֶׂה הָאט עֶס גֶענוּמֶען צְוֵויי שָׁעָה! ווִילַאנְג דַארְף אִיךְ וַוארְטְן?"... וֶועט מָשִׁיחַ דֶערְצֵיילְן וִוי עֶר הָאט זִיךְ נִישְׁט פַארְלוֹירְן, עֶר הָאט נָאכְאַמָאל גֶעקְלַאפְּט אוֹיפְ'ן טִיר, בִּיז זִי הָאט גֶעעֶפֶענְט דִי טִיר אוּן אִיר אִיבֶּערְגֶעבֶּעטְן, מָשִׁיחַ וֶועט דָאס אַלֶעס דֶערְצֵיילְן, אוּן מָשִׁיחַ וֶועט פְרֶעגְן: "וִוי אַזוֹי הָאסְטוּ עֶס גֶעמַאכְט, וִוי אַזוֹי הָאסְטוּ גֶעהַאט דִי שְׁטַארְקֵייט זִיךְ נִישְׁט אוֹיפְצוּרֶעגְן?!".



# א מעשה
## פון א צדיק

### אַ מַתָּנָה, בִּזְיוֹנוֹת!

רֶבִּי מַתִּתְיָהוּ אִיז גֶעוֶוען אַ פָּשׁוּט'עֶר אִיד אָבֶּער זֵייעֶר אַן עֶרְלִיכֶער, עֶס אִיז דוּרְךְ אַסַאךְ יָארְן פוּן זַיין חֲתוּנָה אוּן עֶר הָאט נָאךְ נִישְׁט גֶעהַאט קֵיין קִינְדֶער, וֶוען עֶס אִיז גֶעקוּמֶען שִׂמְחַת תּוֹרָה אִיז גֶעוֶוען דֶער מִנְהָג אִין זַיין שׁוּהל אַז מֶען פַארְקוֹיפְט אַלֶע זְכוּתִים אוּן מִצְוֹת פוּן בֵּית הַמִּדְרָשׁ אוֹיף אַגַאנְץ יָאר, דָאס הָאט אַרַיינְגֶעבְּרֶענְגְט אַ שֵׁיינֶע הַכְנָסָה פָּאר דִי גְרוֹיסֶע הוֹצָאוֹת פוּנֶעם שׁוּהל, פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז דִי עֲשִׁירִים פְלֶעגְן אָפְּקוֹיפְן דִי מִצְוֹת פַאר גְרוֹיס גֶעלְט, אָבֶער רֶבִּי מַתִּתְיָהוּ הָאט אוֹיךְ זֵייעֶר גֶעוָואלְט זוֹכֶה זַיין צוּ קוֹיפְן עֶפֶּעס אַ מִצְוָה, אוּן כָּאטְשׁ עֶר אִיז גֶעוֶוען אַן אָרִימַאן הָאט עֶר אַגַאנְץ יָאר צַאמְגֶעשְׁטֶעלְט עֶפֶּעס גֶעלְט בִּיז עֶר הָאט אָנְגֶעזַאמְלְט דִי קְלֵיינֶע סוּמֶע פוּן זִיבְּן גִילְדְן.

לְמַעֲשֶׂה בְּשַׁעַת'ן פַארְקוֹיפְן דִי מִצְוֹת הָאט מֶען יֶעדֶע מִצְוָה פַארְקוֹיפְט פוּן פוּנֶעף אוּן צְוַואנְצִיג גִילְדְן אוּן הֶעכֶער, נָאר אֵיין מִצְוָה אִיז נָאךְ גֶעבְּלִיבְּן צוּ קוֹיפְן, דֶער וָואס זָאל אָנְגְרֵייטְן יֶעדְן עֶרֶב שַׁבָּת וְיוֹם טוֹב דִי סֵפֶר תּוֹרָה אִין וֶועלֶעכֶע מֶען וֶועט לֵיינֶען, אוּן דָאס אוֹיפְמִישְׁן אוֹיפְן רִיכְטִיגְן פְּלַאץ; רֶבִּי מַתִּתְיָהוּ הֵייבְּט אָן צִיעֶן... אוּן עֶס אִיז אִים גֶעלוּנְגֶען, קֵיינֶער צִיט נִישְׁט מֶער אַרוֹיף, עֶר גֵייט אָפְּקוֹיפְן דִי זְכוּת...! פַארְן רֹאשׁ הַקָּהָל הָאט דָאס אָבֶּער נִישְׁט גֶעשְׁמֶעקְט אַז דֶער אָרִימֶער שְׁנָארֶער רֶבִּי מַתִּתְיָהוּ קוֹיפְט אוֹיךְ אָפּ מִצְוֹות, גֶעט עֶר אַ קְלַאפּ אוֹיס הוֹיעֶךְ: וִויפִיל רֶבִּי מַתִּתְיָהוּ וֶועט גֶעבְּן גֶעבּ אִיךְ מֶער! רֶבִּי מַתִּתְיָהוּ הַאלְט שׁוֹין בַּיי זִיבְּן גִילְדְן, אָבֶער דֶער רֹאשׁ הַקָּהָל שְׁרַייט "אִיךְ וִויל גֶעבְּן מֶער", פַארְשְׁטֵייט זִיךְ רֶבִּי מַתִּתְיָהוּ הָאט עֶס נִישְׁט גֶעקֶענְט קוֹיפְן, עֶר הָאט דֶערְפוּן גֶעהַאט מוֹרָא'דִיגֶע חֲלִישׁוּת הַדַעַת, אוֹיךְ זַיין וַוייבּ אִין וַוייבֶּער שׁוּל הָאט דָאס מִיטְגֶעהַאלְטְן, אוּן זֵיי זֶענֶען בֵּיידֶע גֶעוֶוען זֵייעֶר צוּקְלַאפְּט אוּן צוּבְּרָאכְן, "אַ גַאנְץ יָאר הָאט עֶר זִיךְ אָנְגֶעזַאמְלְט זִיבְּן גִילְדְן מִיטְן חֶשְׁבּוֹן צוּ קֶענֶען כָּאטְשׁ קוֹיפְן דִי מִצְוָה פוּן אוֹיפְמִישְׁן דִי סֵפֶר תּוֹרָה, אוּן דָא כַאפְּט עֶס דֶער רֹאשׁ הַקָּהָל דַוְקָא אוֹיס מִיט אַזַא עַזּוּת", אַזוֹי זֶענֶען זֵיי אַהֵיימְגֶעגַאנְגֶען פוּן שׁוּהל זֵייעֶר גֶעפַאלְן בַּיי זִיךְ, צוּ דִי זֶעלְבֶּע צַייט וֶוען יֶעדֶער אִיז מוֹרָא'דִיג פְרֵיילִיךְ מִיט דִי תּוֹרָה.

פְּלוּצְלִינְג טְרֶעפְט זֵיי אֵיינֶער אָן אוּן פְרֶעגְט זֵיי: אִיךְ קֶען אֶפְשֶׁר עֶסְן בַּיי אַייךְ? יָא, פַארְוָואס נִישְׁט! וִוי אַזוֹי הֵייסְט אִיר? רֶבִּי אֵלִיָהוּ. דֶער גַאסְט רֶבִּי אֵלִיָהוּ בַּאמֶערְקְט וִוי דִי מַאן אוּן דִי וַוייבּ זֶענֶען בֵּיידֶע צוּבְּרָאכְן בַּיי זִיךְ, גֶעבְּט עֶר אַ פְרֶעג: וָואס אִיז גֶעשֶׁעהן?! זָאגְט רֶבִּי מַתִּתְיָהוּ: אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט הַיינְט קוֹיפְן דִי זְכוּת פוּן קֶענֶען אוֹיפְמִישְׁן דִי וָואכֶעדִיגֶע סֶדְרָה, אַ זַאךְ וָואס נִישְׁט יֶעדֶער זוּכְט צוּ קוֹיפְן, אָבֶער אִיךְ הָאבּ עֶס יָא זֵייעֶר גֶעוָואלְט הָאבְּן, כְּדֵי צוּ הָאבְּן אַ חֵלֶק אִין בֵּית הַמִּדְרָשׁ, בִּיז דֶערְוַוייל הָאט מֶען מִיר דָאס דַוְקָא אוֹיסְגֶעכַאפְּט.

זָאגְט דֶער גַאסְט: פַארְוָואס דַארְפְט אִיר הָאבְּן אַזַא חֲלִישׁוּת הַדַעַת? פַארְקֶערְט אִין דֶעם זְכוּת וָואס אִיר הָאט גָארְנִישְׁט גֶעעֶנְטְפֶערְט וֶוען מֶען הָאט אַייךְ אַזוֹי פַארְשֶׁעמְט אַקֶעגְן יֶעדְן, אוּן אוֹיךְ הָאט אִיר זִיךְ נִישְׁט אָפְּגֶערֶעדְט אוֹיפְן בַּאשֶׁעפֶער חָלִילָה, וֶועט אִיר פוּן הִימְל בַּאקוּמֶען אַלְס שְׂכַר אַ קִינְד וָואס וֶועט בַּאלַייכְטְן דִי וֶועלְט! אוּן דָאס אִיז טַאקֶע גֶעוֶוען דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם פוּן מִיכְלְשְׁטַאדְט זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ.

(קונטרס "דערהאלט זיך ברודער")



# דעם הֵיילִיגְן רֶבִּינ'ס לֶעבְּנסגֶעשִׁיכְטֶע

פארזעצונג

**- א -**

אוּם ראֹשׁ חוֹדֶשׁ נִיסָן, אִין יָאר תקל"ב לפ"ק, שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת תַזְרִיעַ, אִיז גֶעבּוֹירְן גֶעוָוארְן דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי; צוּ זַיין פָּאטֶער דֶער בַּאהַאלְטֶענֶער צַדִּיק רֶבִּי שִׂמְחָה זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה, אַ זוּן פוּן הֵיילִיגְן צַדִּיק רֶבִּי נַחְמָן הוֹרִידֶענְקֶער זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה, וָואס עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ תַּלְמִיד מוּבְהָק אוּן אַ בֶּן בַּיִת בַּיים הֵיילִיגְן בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ; אוּן צוּ זַיין מַאמֶע דִי צַדֶּיקֶת, בַּעֲלַת רוּחַ הַקוֹדֶשׁ, מָרַת פֵיגָא ע"ה, אַ טָאכְטֶער פוּן דִי צַדֶּיקֶת אָדְל ע"ה, אַ טָאכְטֶער פוּן הֵיילִיגְן בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ.

דֶעם רֶבִּינְ'ס מַאמֶע פֵיגָא ע"ה אִיז גֶעוֶוען אַ שְׁוֶועסְטֶער מִיטְ'ן צַדִּיק רֶבִּי מֹשֶׁה חַיִּים אֶפְרַיִם מִסְדִילְקוּב זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה, בַּעַל מְחַבֵּר סֵפֶר "דֶגֶל מַחֲנֶה אֶפְרַיִם", אוּן אוֹיךְ מִיטְ'ן צַדִּיק רֶבִּי רֶבִּי בָּרוּכְ'ל פוּן מֶעזִיבִּיזְשׁ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה.



קרעדיט: יענקי פיש

דער ראש ישיבה איז מתפלל אין שטאט מעזיביזש ביים שול פון הייליגן בעל שם טוב ז"ע שנת תשע"ב

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אִיז גֶעבּוֹירְן גֶעוָוארְן אִין הוֹיז פוּנֶעם הֵיילִיגְן בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אִין מֶעזִיבִּיזְשׁ, אִין דֶעם שְׁטוּבּ וואוּ עֶר פְלֶעגְט אָפְּרֶעכְטְן זַיינֶע עֲבוֹדוֹת אוּן דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אֵיידֶער דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אִיז נִסְתַּלֵק גֶעוָוארְן, הָאט עֶר בַּאפוֹילְן אַז מֶען זָאל גֶעבְּן זַיין הוֹיז פַאר זַיין טָאכְטֶער אָדְל ע"ה. וַוייל זַיין זוּן, דֶער צַדִּיק רֶבִּי צְבִי זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה הָאט גֶעהַאט שֵׁיין פַּרְנָסָה אוּן עֶר הָאט נִישְׁט גֶעדַארְפְט דָאס הוֹיז. דֶערְנָאךְ, וֶוען אָדְל ע"ה אִיז נִסְתַּלֵק גֶעוָוארְן הָאט זִי אִיבֶּערְגֶעגֶעבְּן דָאס הוֹיז פַאר אִיר טָאכְטֶער מָרַת פֵיגָא ע"ה, וַוייל אִירֶע צְוֵויי זוּן הָאבְּן גֶעהַאט זֵייעֶר אֵייגֶענֶע רֶבִּיסְטְוֶוע אוּן זֵיי הָאבְּן נִישְׁט גֶעבְּרוֹיכְט הָאבְּן דָאס הוֹיז. אוּן אַזוֹי אִיז דָאס הוֹיז אָנְגֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּינְ'ס עֶלְטֶערְן, אִיר טָאכְטֶער מָרַת פֵיגָא ע"ה, מִיט אִיר מַאן רֶבִּי שִׂמְחָה זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה.

לָאמִיר אָבֶּער צוּרִיקְמִישְׁן דָאס בְּלֶעטְל מִיט עֶטְלִיכֶע יָאר פְרִיעֶר, אִיבֶּערְצוּגֵיין דִי גַאנְצֶע הִשְׁתַּלְשְׁלוּת בִּיז וֶוען דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אִיז גֶעבּוֹירְן גֶעוָוארְן.

דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט גֶעהַאט צְוֵויי קִינְדֶער, זַיין אֵיינְצִיג זוּן רֶבִּי צְבִי זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה, וָואס עֶר אִיז גֶעוֶוען זַיין גַאנְץ לֶעבְּן אַ בַּאהַאלְטֶענֶער צַדִּיק, דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הָאט גֶעזָאגְט אוֹיף אִים, "עֶר הָאט אַ גְרוֹיסֶע נְשָׁמָה, אוּן עֶס פֶעלְט אִים גָארְנִישְׁט", אוּן עֶר הָאט גֶעהַאט צְוֵויי קִינְדֶער, רֶבִּי אַהֲרֹן מִטִיטְיוּב זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה אוּן רֶבִּי יִשְׂרָאֵל מִפָּאווֹלִיטְשׁ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה. אוּן דֶערְנָאךְ הָאט דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ גֶעהַאט זַיין אֵיינְצִיגֶע טָאכְטֶער מָרַת אָדְל ע"ה, זִי אִיז אַלֶעמָאל גֶעוֶוען מִיט אִיר הֵיילִיגְן טַאטְן, אוּן אִיר טַאטֶע הָאט גֶעזָאגְט אוֹיף אִיר אַז אִיר נְשָׁמָה קוּמְט פוּנֶעם אוֹצָר פוּן רֵיינֶע נְשָׁמוֹת, אוּן עֶר הָאט אִיר גֶענוּמֶען פוּן דֶעם פָּסוּק (דְבָרִים ל"ג, ב') "**אֵשׁ דָת לָמוֹ**", וָואס אִיז דִי רָאשֵׁי תֵּיבוֹת "**אָדְל**". עֶר הָאט אִיר זֵייעֶר גֶעשֶׁעצְט אוּן מַחְשִׁיב גֶעוֶוען, עֶר הָאט אִיר גֶערֶעכְנְט ווִי פוּן זַיינֶע תַּלְמִידִים.

אֵיינְמָאל הָאבְּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ גֶעפְרֶעגְט דֶעם רֶבִּי'ן פַארְוָואס דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט אַזוֹי שְׁטַארְק גֶעהַאלְטְן פוּן זַיין טָאכְטֶער אָדְל, הָאט דֶער רֶבִּי זֵיי גֶעעֶנְטְפֶערְט, "**וַוייל זִי הָאט שְׁטֶענְדִיג גֶעבְּרֶענְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט שְׁטַארְקֶע רְצוֹנוֹת, זִי אִיז שְׁטֶענְדִיג אַרוּמְגֶעגַאנְגֶען מִיט אֵיין מַחְשָׁבָה, ווִי אַזוֹי קֶען זִי מַאכְן אַ נַחַת רוּחַ פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן**".

אִיר מַאן אִיז גֶעוֶוען אַ בַּאהַאלְטֶענֶער צַדִּיק, רֶבִּי יְחִיאֵל אַשְׁכְּנַזִי זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה, מְ'פְלֶעגְט אִים רוּפְן "דֶער דַייטְשְׁל" וַוייל עֶר הָאט גֶעשְׁטַאמְט פוּן דַייטְשְׁלַאנְד, אוּן זֵיי הָאבְּן גֶעהַאט אִינְאֵיינֶעם צְוֵויי זוּן אוּן אֵיין טָאכְטֶער; דֶער צַדִּיק רֶבִּי מֹשֶׁה חַיִּים אֶפְרַיִם מִסְדִילְקוּב זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה, בַּעַל מְחַבֵּר סֵפֶר "דֶגֶל מַחֲנֶה אֶפְרַיִם", דֶער צַדִּיק רֶבִּי רֶבִּי בָּרוּכְ'ל פוּן מֶעזִיבִּיזְשׁ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה, אוּן דִי צַדֶּיקֶת מָרַת פֵיגָא ע"ה.

אִין יֶענֶע צַייט, נָאכְדֶעם וָואס דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אִיז נִתְגַלֶה גֶעוָוארְן אוֹיף דֶער וֶועלְט, הָאבְּן אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ קוּמֶען צוּ אִים פִילֶע תַּלְמִידִים, גְרוֹיסֶע צַדִּיקִים, אוּן צְוִוישְׁן זֵיי אִיז אוֹיךְ גֶעוֶוען אַ יוּנְגֶער תַּלְמִיד מִיטְ'ן נָאמֶען רֶבִּי נַחְמָן פוּן דִי שְׁטָאט הוֹרִידֶענְקָא, עֶר אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר אִיבֶּערְגֶעגֶעבְּן פַארְ'ן הֵיילִיגְן בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, עֶר אִיז גֶעוֶוען בַּיי אִים מַמָּשׁ ווִי אַ בֶּן בַּיִת, דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט אִים זֵייעֶר לִיבּ גֶעהַאט אוּן פְלֶעגְט אִים שִׁיקְן אוֹיף וִויכְטִיגֶע שְׁלִיחוּת'עֶר.

פָּארְזֶעצוּנְג קוּמְט אִם יִרְצֶה הַשֵּׁם

**גֶענוּמֶען פוּן סֵפֶר "פְּעֻלַּת הַצַדִּיק"**



א סעודה

# מיט'ן ראש ישיבה

## פרייטאג צונאכטס ראה תשפ"ב

ש'כח אייבערשטער אז איך האב געהאט די זכי' צו מיטהאלטן די וואך פרשת ראה א הערליכע שיינע סעודה ביים ראש ישיבה שליט"א.

ביי די סעודה איז געווען אזוי פרייליך, מען האט געקענט פילן די שמחה אין די לופט. איך וועל פרובירן צו אראפשרייבן אביסל שיינע שיחות וואס איך האב זוכה געווען צו הערן און מיטהאלטן, אבער די פריילעכקייט וואס האט דארט געהערשט דאס איז וואס איך וועל פרובירן צו נאכמאכן ביי מיר אינדערהיים.

### פאטשן און טאנצן

דער ראש ישיבה איז אהיימגעקומען פון שול פרייליכערהייט און אויסגערופן גוט שבת! דער ראש ישיבה האט געמאכט זיכער אז אלע האבן א פלאץ וואו צו זיצן, און מען האט אנגעפאנגען צו זינגען זמירות.

אינמיטן זינגען זמירות האט דער ראש ישיבה אנגעפאנגען צו פאטשן, און דער ראש ישיבה האט געפרעגט: ווער ווייסט וועלכע דריי זאכן האט דער הייליגער רבי' געזאגט פאסירט ווען מען פאטשט? דער הייליגע רבי' האט געזאגט אז ווען מען פאטשט איז מען ממתיק דינים, אויך ווען מען פאטשט ברענגט מען צו זיך די לופט פון ארץ ישראל, אויך האט דער הייליגער רבי' געזאגט אז ער האט איינגענומען די שטאט ברסלב דורך פאטשן און טאנצן.

### שמעקן הדסים

נאכן זינגען זמירות האט דער ראש ישיבה געשמעקט הדסים, איינער פון די קינדער האבן זיך אנגערופן דאס וואס דער הייליגער רבי' זאגט אין ספר המדות אז ווען מען שמעקט הדסים שבת איז מען זוכה צו קינדער תלמידי חכמים. האט דער ראש ישיבה זייער הנאה געהאט און דער ראש ישיבה האט עס איבערגעזאגט הויך.

### הייליגע אויגן

דערנאך האט דער ראש ישיבה געפרעגט, ווער וועט די וואך אויפהייבן די בעכער? דער ראש ישיבה האט געפרעגט איינער פון די געסט, א קליינע אינגל, דו קענסט שוין אויפהייבן די בעכער? ביי ענק אינדערהיים הייבסטו אויף די בעכער פאר דיין טאטע? האט ער געזאגט אז יא, האט אים דער ראש ישיבה מכבד געווען מיט'ן אויפהייבן די בעכער.

פאר קידוש האט דער ראש ישיבה געזאגט פאר די קינדער אז ביי קידוש דארף מען שטיין מיט גרויס דרך ארץ, ווייל ס'איז זייער א הייליגע צייט. נאך קידוש, ביים טיילן קידוש ווין האט דער ראש ישיבה האט געפרעגט ווער ווייסט וואס פאסירט ווען מען טרינקט קידוש ווין? מען באקומט הייליגע אויגן.

דערנאך האט דער ראש ישיבה גערופן אלע קינדער צו די סינק און דער ראש ישיבה האט זיי געוואשן. דער ראש ישיבה האט געמאכט המוציא און געטיילט פאר יעדעם חלה, און דערנאך האט דער ראש ישיבה געשיקט צוויי קינדער אין קאך אז זיי זאלן העלפן אריינברענגען די פיש.

### א מעשה מיט א פראש

ס'איז געווען אזא שיינע סעודה, דער ראש ישיבה האט אסאך ארומגערעדט ביי די סעודה פון די חסד וואס דער אייבערשטער האט מיט אונז געטון אז מיר זענען אנגעקומען צום הייליגן רבי'ן. דער ראש ישיבה האט זיך אנגערופן צו איינער פון די געסט, עס וואלט ווען פונקט אזוי געקענט זיין אז מיין ברודער און דיין ברודער זאלן דא אנקומען, און אונז זאלן זיין די וואס מאכן חוזק...

איינער פון די קינדער האבן געברענגט פאר דער ראש ישיבה א טוי פראש, האט דער ראש ישיבה געזאגט פאר די קינדער אז ער וועט זיי דערציילן א מעשה פון

<<<<

א פראש.

אמאל איז דוד המלך געגאנגען שפאצירן נעבן וואסער און ער האט גערעדט צום אייבערשטן, ער האט געדאנקט דעם אייבערשטן, זיך אנגערופן צום אייבערשטן "איך מיין אז איך דאנק דיר די מערסטע פון אלעמען".

פלוצלינג שפרינגט ארויס א גרויסע פראש פון וואסער און זאגט פאר דוד המלך: "וואס עפעס, איך דאנק דעם אייבערשטן בייטאג און ביינאכט, מענטשן דארפן שלאפן, אבער איך דאנק דעם אייבערשטן א גאנצן צייט בייטאג און ביינאכט". דעמאלטס האט דוד המלך געמאכט דעם קאפיטל תהלים (פרק קל"א) **לא גבה לבי ולא הלכתי בגדולות.**

### איך האב נישט קיין קשיות

דערנאך האט מען געזינגען זמירות און מען האט אריינגעברענגט די זופ. דער ראש ישיבה האט געפיטערט זופ מיט לאקשן פאר די קליינע קינדער און דער ראש ישיבה האט זיך אנגערופן אז 'לאקשן' איז פון די ווערטער 'לא קשיא', נישט האבן קיין קשיות אויפן אייבערשטן.

### ער בלאזט

אינמיטן זינגען האב איך באמערקט ווי איינער פון די קינדער איז געשטאנען ביי די זייט און ער איז נישט געווען אזוי פרייליך (ער האט געבלאזן...) דער ראש ישיבה האט עס באמערקט און אים געוואלט פרייליך מאכן, האט דער ראש ישיבה אים געפרעגט: "אפשר ווילסטו קומען פויקן אויפן טיש"? אבער ער האט גארנישט געענטפערט. האט זיך דער ראש ישיבה אויסגעדרייט צו איינער פון די געסט און פארציילט אז די קינד קען זייער שיין פויקן, אפשר קען מען אים נעמען צו פויקן אויף די נייע סידי טאנץ מיט אמונה #4? דא האט זיך שוין יא באוויזן א שטיקל שמייכל אויף די קינד'ס פנים, אבער ער איז נאך אלס נישט געקומען צום טיש, זעט אויס אז עס האט אים נישט געפאסט צו ווערן פרייליך און קומען צום טיש.

דער ראש ישיבה האט ווייטער געזינגען זמירות, און ער איז ווייטער געשטאנען ביי די זייט, אבער אפאר מינוט שפעטער האב איך באמערקט ווי ער זיצט שוין פריילכערהייט ביים טיש און ער פויקט לויט די ניגון...

שפעטער האט מען אריינגעברענגט די פלייש, קוגל און פערפל. דערנאך האט דער ראש ישיבה אנגעפאנגען צו זינגען א הערליכע ניגון פון זיין טאטע, זייער א הארציגע ניגון, דער ראש ישיבה האט געזינגען מיט פארמאכטע אויגן, ס'איז זייער שיין געווען.

### קינדערישע מעשיות

אינמיטן זענען אריינגעקומען די קינדער וואס שפילן שוין אין פלעי רום פון אנפאנג סעודה פארשטעלטערהייט און זיי לויפן גלייך צו צו דער ראש ישיבה און זיי ווילן יעצט האבן די גאנצע עטענטשן... איך האב זיך געוואונדערט וואס דער ראש ישיבה וועט טון, איך האב געזען ווי דער ראש ישיבה האט געוויזן פאר די קינדער אז זיי זאלן ווארטן אין די זייט ביז מען ענדיגט זינגען, און נאכן ענדיגן זינגען האט דער ראש ישיבה זיי צוגערופן און פארברענגט מיט זיי און זיי אויסגעהערט זייערע קינדערישע מעשיות, און געלאכט מיט זיי.

דער ראש ישיבה האט זיי געפרעגט פון וואו קומען ענק? האבן זיי געענטפערט אז זיי קומען פון אוקריינע, זיי האבן זיך נאריש געמאכט און פארציילט וויצן, און דער ראש ישיבה האט געלאכט פון זייערע וויצן און זיי געגעבן די גאנצע עטענטשן.

דערנאך האט דער ראש ישיבה געזינגען מיט זיי א ניגון פון די נייע טאנץ מיט אמונה סידי וואס גייט שוין כמעט ארויסקומען, 'א מחי' א גרויסע משפחה, יעדע בעיבי נאך הצלחה!' זייער א שיינע ניגון, ווי גוט ס'איז צו האבן קינדער, און די שיינקייט פון א גרויסע משפחה, מענטשן מיינען ס'איז גרינגער מיט ווייניג קינדער, אבער די אמת איז אז ס'איז 'א מחי' א גרויסע משפחה, יעדע בעיבי נאך הצלחה!' (איך קען שוין קוים ווארטן צו הערן די גאנצע ניגון ווען די סידי וועט ארויסקומען).

### די באבע רחל לאה

נאכדעם האט דער ראש ישיבה גערעדט וועגן זיין באבע רחל לאה, אז זי איז געווען א גרויסע צדיקת און זייער א קלוגע. דער ראש ישיבה האט פארציילט אז נאכן קריג איז זי געווען אזוי זיכער אז משיח קומט שוין אט אט אז זי האט גערעדט מיט יעדן איינעם נאר פון משיח, איין טאג הערט זי ווי מען רעדט אונטער איר רוקן אז זי איז משוגע געווארן, ווייל זי רעדט צופיל פון משיח, האט זי דעמאלט אויפגעהערט צו רעדן; זי איז

געווען געגנוג קלוג צו וויסן פון וואס צו רעדן און מיט וועם צו רעדן.

### נאריש מאכן מיט די קינדער

אינמיטן די סעודה האבן די קינדער זיך אפגעשמועסט אז זיי וועלן אריינלייגן טויס אין די טאש פון דער ראש ישיבה'ס בעקיטשע. שטילערהייט זענען זיי געגאנגען און אריינגעלייגט איין טוי נאכן צווייטן, אבער דער ראש ישיבה איז נישט נערוועז געווארן פון זיי, נאר יעדע מאל האט דער ראש ישיבה אויפגעהויבן די טוי און געוויזן פאר זיין ווייב, 'קוק מאמי, די קינדער האבן אריינגעלייגט די טוי אין מיין טאש.' און די קינדער האבן געלאכט... ביז דער ראש ישיבה האט זיי געזאגט, שוין, יעצט קען מען מער נישט אריינלייגן קיין טויס.

ס'איז מיר געווען אזוי אינטערעסאנט צו זען ווי דער ראש ישיבה קען זיין פרייליך און שטרענג צוזאמען, דער ראש ישיבה איז געווען אזוי פרייליך מיט די קינדער און געלאכט מיט זיי, אבער נאכדעם ווען דער ראש ישיבה האט געזאגט אז יעצט דארף מען שוין אויפהערן האבן זיי געוויסט אז מען דארף פאלגן.

### די קינדער לעבן מיט'ן אייבערשטן

דערנאך האט דער ראש ישיבה פארציילט אביסל וועגן די תלמוד תורה היכל הקודש אין קרית יואל, דער ראש ישיבה האט גערעדט מיט התפעלות ווי די קינדער דארטן לעבן מיט'ן אייבערשטן, דער מלמד זינגט מיט זיי 'וואו איז דער אייבערשטער, וואו איז דער אייבערשטער, איבעראל! איבעראל! מען קען אים נישט זען, מען קען אים נישט זען, אבער ער איז דא!'

ווען מען לערנט עברי' זינגט ער מיט זיי, 'קמץ ב בא, קמץ ג גא, קמץ ד דא, דער אייבערשטער איז דא! דער אייבערשטער איז דא!' ווי ער קען נאר לייגט דער מלמד אריין דעם אייבערשטן, 'חיריק א אי, חיריק ב בי, חיריק ו וי, וואו איז דער אייבערשטער? דער אייבערשטער איז דא!' אזוי וואקסן די קינדער אויף מיט'ן אייבערשטן, זיי ווייסן אז דער אייבערשטער איז דא.

ווען קינדער זינגען די א-ב האבן זיי ליב צו זינגען ביים סוף, 'ק ר ש ת, לייג דיך אראפ און שלאף.' האט דער מלמד גענומען די ניגון וואס די קינדער זינגען און אביסל ארומגעטוישט די ווערטער און ער זינגט מיט זיי, 'ק ר ש ת, וועק דיך אויף פון שלאף און הייב אן רעדן צום אייבערשטן!'

### מעשיות פון תפילה

נאכדעם האט דער ראש ישיבה ארויסגענומען די מעשיות פון תפילה צעטלעך וואס די קינדער האבן אהיימגעברענגט פון חדר, אבער קיין איין קינד איז נישט געזיצן ביים טיש, אלע קינדער זענען געגאנגען שפילן אין פלעי' רום. דער ראש ישיבה האט געפרעגט פון די געסט, ביי ענק אינדערהיים איז אויך אזוי אז די קינדער לויפן שפילן, אדער נאר דא איז אזוי? האט ער געזאגט אז ביי אים איז אויך אזוי. האט דער ראש ישיבה זיך אויסגעדרייט צו די אנדערע געסט און זיי געפרעגט, ביי ענק גייען אויך די קינדער שפילן אינמיטן די סעודה? האבן זיי אלע געזאגט אז יא.

### מען גייט טיילן אייסעס

דער ראש ישיבה האט געזוכט א וועג אז די קינדער זאלן קומען צום טיש האט דער ראש ישיבה אויסגערופן 'אייסעס! מען גייט שוין טיילן אייסעס!' אלע קינדער זענען געקומען צו לויפן צום טיש. יעצט אז אלע קינדער זענען שוין געווען ביים טיש האט דער ראש ישיבה אנגעפאנגען צו פארציילן די מעשיות פון תפילה פון די קינדער, אבער אז די קינדער האבן געזען אז מען טיילט נאכנישט די אייסעס האבן זיי אלע געוואלט צוריקגיין שפילן... האט דער ראש ישיבה געזאגט פאר איינער פון די קינדער זאל גיין ברענגען די אייסעס.

מען האט אריינגעברענגט די אייסעס און דער ראש ישיבה האט גערופן יוסף זאל קומען פארהערן די קינדער, יוסף האט געפרעגט 'וואס האסטו ליב?' האט מען געדארפט ענטפערן 'די אייבערשטער!' האט יוסף ווייטער געפרעגט, 'און וואס איז מיט די אייסעס?' האט מען געדארפט ענטפערן אז די אייסעס עסט מען לכבוד שבת. און דערנאך האט מען געקענט באקומען א אייסעס.

דערנאך האט מען געבענטשט און דער ראש ישיבה איז אראפגעגאנגען אונטן אין שול זינגען זמירות מיט די בחורים. ש'כח אייבערשטער אז איך האב געקענט מיטהאלטן אזא הערליכע סעודה פון וואס איך האב זיך ארויסגעלערנט אזויפיל שיינע זאכן.

# נקודות טובות

געהערט פון **אנשי שלומינו**

## בליצן און נאטיצן אויפן לעבן צו ניצן

### יודל דעפריס דערציילט:

אויף דעם וואס דער ראש ישיבה האט געזאגט ביים שיעור אז געוועגטליך די וואס מאכן ליצנות פון א צווייטן זיי זענען גאר צובראכן און נישט צופרידן מיט זיך אליין - האט ער צוגעלייגט די מעשה: עס איז געווען א מענטש וואס האט זיך זייער געמוטשעט מיט דיפרעסיע, ביז איין טאג איז ער אנגעקומען צו א טעראפיסט, ער איז געגאנגען איין סעסיע נאכ'ן צווייטן פאר א לאנגע צייט, ביז דער טעראפיסט האט געזען אז ער קומט אין ערגעץ נישט אן מיט דעם פאציענט, ער קען אים בשום אופן נישט ארויסנעמען פון זיין דיפרעסיע, האט ער אויפגעגעבן אויף אים און אים פארשיקט, פאר ער האט אים פארשיקט האט ער אים מיטגעגעבן א צעטל פון א מענטש וואס ער איז א באוויסטער גרויסער לץ, און ער זאגט אים "גיי צו אים ער וועט דיך פרייליך מאכן".

זאגט אים דער פאציענט: "איך בין דאס..."

### בנציון ברוין דערציילט:

איך האב געהערט פונעם מנהל שליט"א א ווארט פון מוהרא"ש זכותו יגן עלינו אויף די מאמר חז"ל "**כל הגדול מחבירו יצרו גדול הימנו**" פשוט פשט איז, ווי גרעסער א מענטש איז אלס א גרעסערע יצר הרע האט ער.

האט מוהרא"ש געזאגט א מורא'דיגע טייטש '**כל הגדול**' ווער עס איז גרויס, אויב די זעסט אז איינער איז אויסגעוואקסן א גדול, '**מחבירו**' דאס איז ווייל ער האט א גוטער חבר. '**יצרו גדול**' אויב זעסטו איינער האט א גרויסע יצר הרע איז א סימן '**הימנו**' דאס איז ווייל ער איז אליין און ער האט נישט קיין שיחת חברים.

### חיים ישעי' דעפריס געבט איבער:

וואס ער האט געהערט פון זיין גרויסן זיידע'ן רבי יצחק לעסער שליט"א, אויף דעם ענין אז ווען מען הייבט אויף די ספר תורה טוט יעדער ווייזן מיט די פינגער **זאת התורה אשר שם משה**, דאס איז אזוי ווי די מצות עשה ביי ערי מקלט אז עס מוז זיין שילדן איבעראל אז דער רוצח נפש בשגגה זאל גרינג קענען טרעפן די וועג זיך צו ראטעווען אין די ערי מקלט, דאס זעלבע זאגט רבי יצחק, א מענטש איז אין א סכנה פונעם יצר הרע וואס וויל אים הרג'ענען, און די איינציגסטע עצה איז די תורה, וועגן דעם הייבט מען אויף די ספר תורה און יעדער ווייזט מיט די פינגער, **קוק דארט איז די ערי מקלט**, אז דו וועסט זיך צוקלעבן צו די תורה וועסטו געראטעוועט ווערן פון אלעם שלעכט.

### שלמה טעסלער זאגט:

מוהרא"ש זכותו יגן עלינו זאגט אז מען דארף דאנקען די מתנגדים וואס שרייען אונז נאך און פארשעמען אונז אז מיר זענען ברסלב'ע, ווייל זיי דערמאנען אונז אז מיר זענען תלמידים פון אזא גרויסע רבי, דאס איז אזוי ווי ווען דער איד ווערט נאכגעשריגן דורך די גוים 'דזשיד' וואס דאס איז א דערמאנונג אז מיר באלאנגען צום עם הנבחר.

נאך פלעגט מוהרא"ש דערציילן אז מען האט אמאל נאכגעשריגן א ברסלב'ער 'דו ברסלב'ער הונט' האט דער ברסלב'ער חסיד געזאגט "א הונט דאס בין איך און דאס ווייס איך אז איך בין, דאס בין איך דאך אלעמאל געווען, אבער ברוך השם אז איך בין כאטש א ברסלב'ער הונט".

### יעקב פיש געבט איבער פון זיינע זכרונות:

דער ראש ישיבה פלעגט זאגן אין ישיבה אז עס זענען דא מענטשן וואס ליידער פאלן זיי אראפ אין עבירות אבער זיי האלטן אין איין תשובה טון, נאכדעם איז דא איינער וואס ער איז איין מאל דורכגעפאלן מיט אן עבירה, זייט דעמאלט איז דורך אסאך יארן וואס ער האט נישט געזינדיגט, און ער געדענקט ניטאמאל אז ער האט אמאל געזינדיגט און ער האט אויף דעם קיינמאל נישט תשובה געטון.

האט דער ראש ישיבה געזאגט אז דאס איז ווי א טשולנט טאפ, איינער האט א טשולנט טאפ און ער קאכט אין דעם א טשולנט אבער נאכדעם וואשט ער עס אויס, ער קאכט נאכאמאל און ער וואשט עס אויס, במילא איז ווערט עס אלעמאל צוריק א זויבערע טאפ, ווידער איז דא איינער וואס האט איינמאל "פארקאכט א טשולנט" אבער ער האט קיינמאל נישט אויס געוואשן דעם טאפ, אך און וויי וואספארא גערוך עס גייט פונעם אלטן פארשימלטן טשולנט טאפ וואס איז קיינמאל נישט אויסגעוואשן געווארן...

### שמעון פיש געבט איבער פון זיינע זכרונות:

אין ליכט פון די פארמערטע שידוכים, ווען עס איז דא כמעט יעדן טאג א נייע חתן אין ישיבה ברוך השם, (די בחורים ווערטלען זיך, אז ווען מען וויל רופן אלע בחורים אויפאמאל שרייט מען 'חתן' און יעדער דרייט זיך אויס) און צו דער זעלבע צייט די פילע נייע געבוירענע קינדער אין די קהילה, האט זיך פארמירט א שמועס איבער שידוכים, דער האט געהאט א אינגל און דער א מיידל אפשר קענען זיי זיך משדך זיין...

האט זיך דער מנהל ר' אברהם משה הי"ו אנגערופן א מורא'דיגע זאך, חז"ל זאגן: פערציג טעג איידער דאס קינד ווערט באשאפן רופט מען אויס אויבן אין הימל **בת פלוני לפלוני**, פארוואס דארף מען אזוי פרי אויסרופן די שידוך? נאר דאס קומט אונז אונטערשטרייכן דאס פאלשקייט פון די נייע אנשיקעניש פון בעלי מקובלים וואס האלטן ליידער אפ שידוכים, זיי קוקן אויף די נעמען און זיי מאכן שידוכים באזירט אויף די נעמען צו די נעמען שטימען יא אדער נישט, האט דער מנהל געזאגט: "וועגן דעם רופט מען אויס אין הימל פערציג טעג פאר די יצירה כדי צו דעמאנסטרירן, א שידוך האט גארנישט מיט די נעמען צו טון, ווייל נאך איידער די קינדער האבן געהאט נעמען האט מען שוין אויסגערופן זייערע שידוכים".

### נפתלי הירצקא וואלנער געבט איבער:

די רעבעצין פון הייליגן צאנזער רב זכותו יגן עלינו איז געווען א מקשה לילד לא עלינו, זי איז אריין צו איר הייליגער מאן זיך מזכיר זיין ער זאל פועל'ן א ישועה, האט ער געזאגט אז ער קען נישט פועל'ן יעצט, זי זאל גיין צו זייער איידעם דער הייליגער רבי מרדכי דוב מ'הורנסטייפל זכותו יגן עלינו.

ווען זי איז געגאנגען צו הרה"ק מ'הורנסטייפל האט ער געזאגט אז ער איז גרייט צוצוזאגן א ישועה אבער ער דארף א תנאי אז אויב דאס קינד וועט זיין א אינגל וועט ער אים נעמען פאר א איידעם. די רעביצין האט מסכים געווען, און מען האט געבראכן טעלער און געוואונטשן לחיים, און אזוי ווי זי האט מקיים געווען איר צוזאג איז זי געהאלפן געווארן, זי האט געהאט דאס קינד וואס דאס איז געווען דער הייליגער רבי שלום אליעזר ראצפערטער זכותו יגן עלינו, וואס זיין לחיים איז געווען איידער ער איז געבוירן געווארן... זכותם יגן עלינו.

# קלאסיפייד'ס

ברסלב
שטיצט ברסלב

BUY AND SAVE

Store hours:

Sun -thurs 10:00 a.m.- 7:00 p.m.

Friday 10:00 a.m.-2:00p.m.

Monday special night hours open till 11:00 p.m.

Drop off hours is the same time




## דירות אין שטעטל פאר שבתים

מנחם שטיינבערג – 347–461–2244

יעקב יאקאבאוויטש – 347–641–3618

יואל וועבערמאן – 845–662–8423

יצחק אייזיק ראטה – 347–668–6122

אברהם הערש וועבערמאן – 845–492–0566

ראובן בידנבוים – 347–549–5625

## Catskill Messenger Service

**מיר טראגן פעקלעך טעגליך**

קעטסקילס, בלומינגבודג, קרית יואל און מאנסי.

און צוריק ביינאכט

מאנסי, קרית יואל, בלומינגבודג, קעטסקלים, און קרית ברסלב ליבערטי.

פרובירט צו רופן א נאכט בעפאר

ברוך אפעלדארפער

914–705–9524




Electrolysis, Tinting, Waxing

Please call

N. A. Appeldorfer

845-537-9681

א דירה אין שטעטל צו פארדינגען פאר א שבת אדער פאר א קורצע צייט, אין די טווין ברידזש געגענט, נאנט צום בית המדרש עצתו אמונה.

איך שטעלן מיך צו סעודת שבת קודש.

רופט לייבי ראטה
347–578–4449

בס"ד

# פריילי‏כע נייעס!

איר קענט באקומען דעם שטארק
אויפגעכאפטע וועכנטליכע

קרית ברסלב

יעדע וואך
ביי אייער
טיר




פאר בלויז
$3.99

צו סובסקרייבן רופט יעצט אריין
אדער שיקט א טעקסט צו:

**718·387·2691**

SUBSCRIBE@KERENHADFUSA.ORG

תוכנ'דיג און ציענדיג

וואס איר וועט נישט טרעפן אין ערגעץ

אדרבה איבערצייגט אייך אליין

282 · DESIGN | 845.406.4250

# מעשה פון תפלה פאר קינדער

**חיים מאיר יאקאבאוויטש פון קרית ברסלב פארצײלט:**

איך האב זייער שטארק געוואלט מיין מאמע זאל מאכן נאך שידוכים, איך האב געבעטן דעם אייבערשטן:




געמאלן דורך: חיים מאיר יאקאבאוויטש







# נאך וועם הייס איך?

**איך הייס:** רבקה מירל פעקעטע תחי'

**נאך:** מיין עלטער עלטער באבע מרת רבקה מירל בריעף ע"ה

## אביסל איבער איר

זי איז געווען זייער א חשוב'ע פרוי, זי פלעגט זיך אויסצייכענען אין די מצוה פון צניעות.

זי האט אריינגעברענג צניעות אין די קינדער מיט א געשמאק, אסאך מאל ווען זי פלעגט זען איינעם וואס די קלייד איז נישט געווען צניעות'דיג, ווי למשל ביים האלדז איז געווען אויסגעשניטן, פלעגט זי יענעם שיינערהייט זאגן "מן הסתם האסטו נישט באמערקט אז דיין האלדז איז אויסגעשניטן, מאמע'לע", און געגעבן יענעם א סעיפטי" פי"ן זיך צו איינעמען.

אויך פלעגט זי זייער ליב האבן קינדער און זיי פארציילן שיינע מעשיות פון צדיקים.

זי האט טאקע זוכה געווען נפטר צו ווערן שיין אנגעטון ווי א מלכה מיט איר ווייסע טיכל און שירצל, גלייך נאכן צינדן די שבת ליכט.

די וואך איז איר יארצייט - ב' אלול, און איך האף איר צו ברענגען נאר נחת און אן עליות נשמה.

איר מאן איז געווען ר' בנציון דוד בריעף עליו השלום.

איך האף אויסצוואקסן אזויווי איר.

**געשריבן דורך:**

*דורך רבקה מירל פעקעטע - 8 יאר אלט*



**אויפן בילד:**

**"איר מאן הרה"ח ר' בנציון דוד בריעף ז"ל"**



# העלף נחמן נתן אנקומען צום טרעין צו פארן צום הייליג רבי'ן אויף ראש השנה








## א שיעור מיטן רבי'ן

### אמת

**לט.** מִי שֶׁשּׁוֹמֵר אֶת עַצְמוֹ מִשֶּׁקֶר, הוּא מְנַצֵּחַ תָּמִיד.

**טייטש.** דֶער וָואס הִיט זִיךְ פוּן זָאגְן לִיגְנְט, וֶועט אַלֶעמָאל אוֹיסְפִּירְן אוּן גֶעוִוינֶען.

# סודאקא

| | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|
| 5 | | | | | |
| | 6 | | | | 4 |
| 1 | | | | 3 | |
| | 5 | 2 | | | |
| | | | 6 | | |
| | | 3 | 2 | | |

| | | | | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| 3 | | | 5 | 1 | 9 | | | 8 |
| | | 5 | | | | 9 | | |
| 4 | | | | 7 | | | | 3 |
| | 9 | | | 4 | | | 1 | |
| | 4 | 1 | | 8 | | 5 | 2 | |
| | 7 | 8 | 9 | 5 | 1 | 3 | 4 | |
| | 1 | 4 | 6 | | 8 | 2 | 9 | |
| 9 | | | | | | | | 1 |
| 8 | | | 1 | | 7 | | | 4 |



## חידות אפטיילונג

**די הייליגע חכמים זאגן: ווער עס עסט דריי סעודות שבת רופט מען אויס אויבן אין הימל אז ער**

א. וועט האבן פרנסה בריווח

ב. וועט ווערן ניצול פון מלחמת גוג ומגוג

ג. האט אמונה

ד. איז א צדיק

*שאלה און ענטפער פון פאריגע וואך:*

*שאלה:* **רבי נתן האט געזאגט: אויב מען דאווענט נישט ערליך יום כיפור**

*ענטפער:* דאווענט מען א טאג נאך יום כיפור

דער געוואונער פון פאריגע וואך איז
**הערש אלימלך קאהן נ"י - זשערסי סיטי**
שיקט אריין די ענטפערס **מיט אייער נאמען** צו 845-379-1161

# בילדער
## אפטיילונג










די דריי גוד געשעפט אין שטעטל שטייט גרייט אייך צו סערווירן מיט אלע אייער דריי גוד געברויכן




מסיבת הכרת הטובביים ראש ישיבה אינדערהיים פאר אלע וואס העלפן צושטעלן די חתונות אין ישיבה



סיום הש"ס פון הילד שמעון ראטה הי"ו - ג' שופטים







סיום הש"ס פון האברך אברהם דוד לאקס הי"ו - ג' ראה







מסיבת הכרת הטוב פאר אלע בודקים פונעם עירוב אין שטעטל - ד׳ ראה







כיתה ט׳ פון שטעטל באזוכט אין בית הדפוס




שיעור ליל ששי פרשת שופטים אין שטעטל




מען כאפט א ריקוד נאכן שיעור, ווערט געזעהן המשפיע מו״ה שלמה מאיער שליט״א




לחיים פאר החתן תלמיד הישיבה דוד פוקס הי״ו - ליל ששי שופטים תשפ״ב




סיום הש״ס פון הבחור תלמיד הישיבה יוסף זינגער הי״ו ליל ששי שופטים תשפ״ב



# פסק דין

## פון הגאון דומ"ץ קרית ברסלב שליט"א

### אודות טלטול הפאספאר"ט בשבת ויום טוב

בעזרת השם יתברך

ליל ששי לסדר שופטים ו' אלול תשפ"ב [שנה שלימה מאת ההכתרה] לפ"ק

פה קרית ברסלב ליבערטי ניו יארק יצ"ו

**לכבוד מורי ורבי כ"ק מרן הראש ישיבה שליט"א**

נשאלתי מאת כבוד תורתו, היות שמתכוננים בעזרת השם לנסוע לעיר אומאן יצ"ו אשר במדינת אוקריינא לשהות שם על ראש השנה תשפ"ג לפ"ק הבא עלינו לטובה, אשר שם חלקת מחוקק ספון, ציון רבינו הקדוש נחל נובע מקור חכמה זצ"ל, כפי שהיה רצונו שיבא אצלו על ראש השנה.

היות שמדינת אוקריינא עכשיו במצב מלחמה עם מדינת רוסיא (כמובן אחר דרושות וחקורות שאין סכנה עכשיו לילך לעיר אומאן) הממשלה דורש שכל אחד הנמצא שם שיהיה עמו פאספאר"ט (דרכון) בכל עת, לכן צריכים אנו לבאר האם מותר לטלטל את הפאספאר"ט בשבת ויום טוב.

תשובה: תחילה צריכים אנו להכיר טובה להרב אליעזר יודא קעניג שליט"א אשר היה שלוחו של מקום, וטרח ועשה עירוב מהודר מהבנין "היכל הקודש" באומאן עד הציון הקדוש, וב"ה שמענו שהעירוב עדיין כתיקונו, ממילא אין אנו דנים אודות העברה מרשות לרשות (בתשובה אחר נברר בעזרת השם יתברך במצב שאין עירוב [או עירוב כשר] קיים), ואנו דנים בזה רק משום איסור טלטול מוקצה בשבת ויום טוב.

פאספאר"ט יש עליו דין "ככלי שמלאכת לאיסור", דהיינו הפספאר"ט הוא מיוחד לנסוע (א), וזהו אסור בשבת, אבל משום איסור לבד היה מותר לטלטלו, כמו שפסק בשלחן ערוך (או"ח סימן ש"ח סעיף ג'), וזה לשונו "כלי שמלאכתו לאיסור, מותר לטלטלו לצורך גופו ומקומו" (ב).

אבל יש בו איסור נוסף "מוקצה מחמת חסרון כיס" (ג), אשר דינו שאסור לטלטלו אפילו לצורך גופו ומקומו, כמש"כ בשו"ע (סימן ש"ח סי' א') ולפי זה היה אסור לכאורה לטלטלו, אבל אחר העיון מצאתי בו התיר, כיון שצריך לשאת אותו בכל זמן שנמצא בעיר כנ"ל, שיהיה מוכן להראותו לפאליציי (משטרה) וזהו מותר בשבת קודש ויום טוב, ולכן בשבת ויום טוב במצב כזה הוי דינו "ככלי שמלאכתו להיתר", ובכלי שמלאכתו להיתר אין שייך בו מוקצה מחמת חסרון כיס (ד).

רק מהיות טוב נלענ"ד שלא לטלטלו חנם, כי טלטול פאספאר"ט בשבת ויום טוב נראה כעובדא דחול, וזילותא דשבת, ובלאו הכי אסור לטלטל שלא לצורך כלל אפילו כלי שמלאכתו להיתר, כמו שכתוב בשו"ע סימן ש"ח סימן ד', משום הכי יניחו בכיס, ורק לעת הצורך יראה את זה להפאליציי.

הכותב והחותם בקידה ובהשתחויה אל מול פני המנורה הטהורה, תלמידך יונה בן דינה זינגער ובברכת הדיוט שיזכה לכתיבה וחתימה טובה.

**הערות:**

(א) בפשטות כלי שמלאכתו לאיסור זהו כגון לטלטל קרדום של עושי מלאכת בנין וסתירה, ועכשיו בשב"ק רוצה לחתוך בו דבילה, וזה היתירו חז"ל, כן נפסק בשו"ע או"ח סי' ש"ח סי' ג' ומקורו בגמ' שבת דף קכ"ד בהמשנה. פאספארט אין עושים בו מלאכה, אבל על ידו יכולים להגיע לאיסור שב"ק, וזה דומה לטעלעפאו"ן בו"ך, והגם שיש שם גם אדרעס"ן שמשום האדרעס"ן היה מותר לטלטלו, דהוי כלי שמלאכתו להיתר, עכ"ז משום שרוב תשמישו הוא משום מספרי הטעלעפאו"ן מש"ה הוי דינו ככלי שמלאכתו לאיסור, כ"כ במשנה ברורה סי' ש"ח סק"י, ע"ש בביאור הלכה ד"ה קרדום, עכ"ז האחרונים דימו טלטול פאספארט לכלי שמלאכתו לאיסור, עי' בשמירת שבת כהלכתה פ"כ סי' י"ז ע"ש מקור הדין.

(ב) לצורך גופו, היינו כל שיש איזה הנאה לצורך גופו - כן הסברא נותן.

(ג) כן נפסק בשו"ת דברי יואל סי' י"ט אות ב', ופסק כפני יהושע דאינו שייך איסור מוקצה מחמת חסרון כיס כי אם בכלי שמלאכתו לאיסור, וכן נפסק להלכה בשו"ת עמק התשובה ח"ב סי' י"ג.



(ד) בשו"ת עמק התשובה ח"ב סי' י"ג, דן בקופסא של אתרוג העשוי מכסף, האם יש בו משום מוקצה מחמת חסרון כיס, וזה תוכן דבריו, דבעצם היה שייך לומר דקופה זו הוי כלי שמלאכתו להיתר, משום שעשוי לקשט בו הבית, שמניחין אותו בארון תכשיטין (טשיינע קלאזעט), ובכלי שמלאכתו להיתר אין שייך בו מוקצה מחמת חסרון כיס כמו שכתבנו ההערה ג', אלא מוכיח מתוס' שבת דף מ"ו ע"א ד"ה אין לנו, דאם קובעים אותו במקום קביעות לגמרי, כגון קופת אתרוג, שפיר שייך בו מוקצה מחמחת חסרון כיס, עכ"ז בשבת שבתוך החג פסק דמותר, דאז הוי הקופסא מיוחד לאתרוג, ואתרוג פסק בשו"ע או"ח סי' תרנ"ה ס"ב דמותר לטלטל, א"כ מן הדין שלא יהא הטפל חמור מן העיקר, ומשום הכי שבת שבתוך החג מותר לטלטלו, והוא הדין לענינינו לטלטל פאספאר"ט בשבת ויום טוב במצב כזה. כן נראה לעניית דעתי.